STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04626

# GEKLIBENE TSIENISTISHE SHRIFTEN

## Max Simon Nordau

*Permanent preservation of this book was made possible
by Max Applebaum
in memory of
Helen Caplan Applebaum, beloved wife, mother & grandmother*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע סאָציאַליסטישע ביבליאָטהעק

# געקליבענע ציוניסטישע שריפטען

—פון—

# מאקס נארדוי



פערלאג קעמפפער
234 EAST BROADWAY, NEW YORK.

פרייז 15 סענט

אידיש פאציאליסטישע ביבליאטהעק

# געקליבענע ציוניסטישע שריפטען

— פון —

# מאקס נארדוי

ארויסגעגעבען צו זיין 60־יעהריגען יובילעאום.

— פון —

פערלאג קעמפפער,

234 East Broadway, New York.

1909

פרייז 15 סענט.

# אינהאלט:

1. רעדע צום ערשטען באַזעלער קאָנגרעס.

2. דער ציוניזם,
א רעדע געהאלטען אין 1902.

3. דער ציוניזם און די ארבייטער,
א רעפיראט געהאלטען אין אמסטערדאם.

4. העלאטען און שפּארטאנער.

# פאָרוואָרט

די אידיש־סאָציאַליסטישע ביבליאָטהעק איז געפּלאַנט געוואָרען מיט דעם צוועק צו געבען אַ סעריע שריפטען פון די גרויסע אידישע און ניט אידישע דיינקער אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, איבער נאַציאָנאַלע,אידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע פּראָגען. אין אנדערע ליטעראַטורען ווערען טויזענדער ביכער און ביכלעך געשריבען און איבערזעצט יעדעס יאָהר איבער אָט די פראַגען. אין דער אָרעמער אידישער ליטעראַטור ווערען די פּראָגען ווייניג בעריהרט. מיר ווילען פּרובירען צופרידען שטעלען אָט דאָס בעדערפעניס.

מיר הייבען אָן די סעריע מיט נאָרדוי'ס ציוניסטישע שריפטען צוליעב זיין זעכציג יעהריגען יובילעאום וואָס איז איבעראַל געפייערט געוואָרען דעם יאָהר. נאָרדוים ראָלע אַלס מענש און אַלס איד איז זעהר אַ בעדייטענדע. ער איז ניט קיין סאָציאַליסט, און ער האָט ניט אריינגעבראַכט קיין נייע ווערטען אין דעם אוצר פון דעם מענשליכען פּראָגרעס; ער האָט אָבער עהרליך און קרעפטיג געקעמפּפט געגען אַלץ וואָס איז פערפוילט, געגען אַלץ וואָס איז ליגענהאַפט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. אין דעם ציוניזם האָט ער שוין געהאַט מעהר פּאָזיטיווען פאַר וואָס צו קעמפּפען. דאָ איז ער געוועזען דער נביא פון דער בעוועגונג, וואָס האָט אָנגעוויזען ניט נאָר אויף דאָס אומנאָרמאַלע לעבען פון דעם אידישען פאָלק, נאָר אויך אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו זיין גאולה. און דאָס אַלץ האָט נאָרדוי אויסגעדריקט אין אַזאַ כשוף שפּראַך, מיט אַזאַ טיעפען אריינ־ארבייטען זיך אין די פאָלקס נשמה, מיט אַזאַ ליעבע צום אידישען

פאָלק, און מיט אזא ערנסט, קלאָרקייט און קראפט, אז עס איז אונמעגליך איהם ניט צו בעוואונדערען.

פון אלע נאָרדוים ציוניסטישע שריפטען האָבען מיר אויסגע־קליבען פאר אונזער סעריע: (א) „די ערשטע קאָנגרעס רעדע, ווייל זי בילדעט אייגענטליך דעם קערנדל פון כמעט אלע נאָרדוי'ס קאָנגרעס רעדען (ב) „דער ציוניזם", צוליעב די היסטאָריע פון דעם ציוניזם; (ג) „דער ציוניזם און די ארבייטער", צוליעב זיין ריין פועלי־ציון ווערט; און (ד) דעם קליינעם אויפזאץ „די שפארטאנער און די העלאטען", צוליעב זיין שיינקייט. פון די אלע שריפטען זיינען אייניגע קליינע פלעצער אויסגעלאָזען געוואָרען; זאָנסט האָט זיך דער איבערזעצער געהאלטען אזוי טריי, צום אָריגינאל ווי מעגליך.

איד. סאָצ. ביבליאָט.

234 East Broadway, New York.

# רעדע צום ערשטען
# באזעלער קאנגרעס

# רעדע צום ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל

די דעלעגירטע פון די פערשיעדענע לענדער וועלען פאר איך שילדערן אין דעטאל די לאגע פון אונזערע ברידער אין די פערשידענע מדינות. איניגע פון די בעריכטען האב איך געהאט פאר מיר, אנדערע ניט. אבער אויך פון די לענדער, איבער וועלכע איך האב ניט ערפאהרען פון מיינע מיטארבייטער, ווייס איך עטוואס, טיילווייז פון מיינע אייגענע ערפאהרונגען, טיילווייז פון אנדערע קוועלען, און דעריבער מעג איך עס אפשר אהן גאוה אונטערנעהמען צו געבען אן אלגעמיינעם בילד פון די לאגע פון דער יודענהייט אם ענדע פון 19טען יאהרהונדערט.

אט דאס בילד קען געמאלט ווערען פון אונגעפעהר איין איינציגען פארב. אומעטום, וואו אידען וואוינען צווישען די פעלקער אייניגערמאסען אין א גרעסערען צאהל, הערשט א אידישע נויטה. עס איז ניט די דורכשניטס־נויטה, דער גורל פון דער מענשהייט אויף דער וועלט, א גורל וואס קען ווארשיינליך ניט געענדערט ווערען. עס איז א בעזונדערע נויטה, וועלכע די אידען ליידען ניט אלס מענשען נאר אלס אידען, און פון וועלכע זיי וואלטען געקאנט זיין פריי ווען זיי וואלטען קיין אידען ניט געוועזן.

די אידישע נויטה האט צוויי פארמען, איינע א מאטעריעלע און איינע א מאראלע. אין מזרח איראפא, אין צפון אפריקא און אין מערב אזיען, גראדע אין די געגענדען, ווי עס האלטען זיך אויף די אונגעהייערע מעהרהייט, ווארשיינליך ניין צעהנטעל, פון אלע אידען, קאן די אידישע נויטה פערשטאנען ווערען בוכשטעבליך. עס איז א טעגליכעס קערפערליכעס ליידען ; א מורא האבען פאר

דעם קומענדיגען טאָג; אַ מורא׳דיגער קאמפּף כדי צו ערהאלטען דאָס נאַקעטע לעבען. אין מערב איירָאָפּא איז דער קאמפּף פאר עקזיסטענץ עטוואָס לייכטער פאר די אידען, הגם עס ווייזט זיך איצט אַ נייגונג איהם ווידער צו מאַכען שווערער פאר זיי. די פראגע פון ברויט און דירה, פון זיכערהייט פון לעבען מאַטערט זיי וויינִיגער. דאָ איז די נויטה אַ מאַראַלע. זי בעשטעהט אין די טעגליכע קרענקונג פון דעם זעלבסטגעפיהל און עהרגעפיהל. זי בעשטעהט אין די גראָבע אונטערדריקונג פון דעם דראַנג נאָך גייסטיגע בעפרידיגונגען, צו וועלכע קיין ניט איד איז ניט געצוויטיגט זיך צו ענטזאגען פון צו שטרעבען.

אין רוסלאנד, וואו די אידישע בעפעלקערונג בעטרעפט אי־בער פינף מיליאָן און וואָס איז די היים פון אונגעפעהר אַ העלפט פון אלע אידען, זיינען אונזערע ברידער אונטערגעוואָרפען אונ־טער געוויסע געזעצליכע בעשרענקונגען. נאָר איין קליינע אידישע סעקטע, די קאַראַאימען, געניסט דאָס זעלבע רעכט ווי די קריסט־ליכע אונטערטהאַנען פון דעם צאַר. די איבעריגע אידען זיינען פערבאָטען צו וואוינען אין אַ גרויסען טייל פון דער מדינה. נאָר געוויסע קאַטעגאָריע אידען, ווי סוחרים פון דער ערסטער גילדע, בע־זיצער פון אַקאַדעמישע טיטולען א. ז. וו. זיינען ערלויבט פריי צו וואוינען איבעראל. אָבער כדי צו געהערען צו דעם קלאַס פון גילדע סוחרים, מוז מען זיין רייך, און דאָס זיינען נור אייניגע רוסישע אידען, און אַקאַדעמישע טיטולען קענען זיך אויך זעהר ווייניג רוסישע אידען ערווערבען, ווייל די מיטעל־שולען און די אוניווערסיטעטען פון דער רעגיערונג לאָזען צו זעהר אַ בעשרענקטע צאָהל פון די אידען, און אויסלענדישע דיפּלאָמען גיבען קיין גע־זעצליכעס רעכט. די רוסישע אידען זיינען פערבאָטען צו האָבען געוויסע בעשעפטיגונגען, וועלכע שטעהען פריי פאר דעם ניט־אידען. אָט די אונגליקליכע מענשען זיינען צוזאמענגעפּרעסט אין אייניגע גובערניעס, וואו זיי האָבען ניט קיין געלעגענהייט צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען און זייער גוטען ווילען. די בילדונגס קוועלען פון דער רעגיערונג פליסען פאר זיי זעהר קארג און אייגענע קענען

זיי זיך ניט ערווערבען, ווייל זיי זיינען צו אָרעם. ווער עס קען וואנדערט אויס, כדי צו געפינען אין דער פרעמד די לופט און ליכט, וואָס מען האָט זיי ענטזאגט אין דער היים. ווער עס איז ניט גענוג יונג אָדער מוטהיג דערצו, דער בלייבט אין זיין עלענד און געהט אונטער גייסטיג, מאָראליש און פיזיש.

פון רומעניען, מיט איהר פערטיל מיליאָן אידען הערען מיר אז אונזערע ברידער זיינען דאָרטען אויך אָהן רעכט. זיי מעגען וואוינען נאָר אין די שטעדט; זיי ליגען אין די הענד פו די נידע־ריגסטע בעאמטע; זיינען אין געפאהר געראַבט און געמאָרדעט צו ווערען פון דעם המון, און זיינען אין די ערגסטע עקאָנאָמישע פער־העלטניסע. אונזער רומענישער בעריכט געבער שעצט אָפּ די צאָהל פון די וואָס זיינען אין גאנצען אָהן מיטלען אויף א העלפט פון אלע רומענישע אידען.

שרעקליך איז דער צושטאנד וואָס אונזער גאליציאנישער בע־ריכטגעבער דעקט אויף פאר אונז. פו די 772.000 אידען פון גא־ליציען זיינען, לויט נאָך די ציפערן פון דר. זאלץ, 70 פראָצענט בוכשטעבליך בעטלער, וועלכע שטרעקען אויס די האנד פאר א נדבה, נאַטירליך מייסטענס עס ניט צו קריגען. די איבריגע איינ־צעלהייטען פון זיין בעריכט וויל איך דאָ ניט געבען פאר איהם, ווייל איך וויל אין איך ניט ערוועקען צוויי מאָל דעם שווי־דער וואָס דער בעריכט וועט אייך געבען.

פאר די פערהעלטניסע פון מערב עסטרייך מיט זיינע אונגע־פעהר 400.000 אידען, זיינען די ציפערן פון דר. מינץ כאראקטע־ריסטיש, וואו ער ווייזט אז פון די 25000 אידישע פאמיליען אין וויען זיינען 15000 בעפרייט פון די געמיינדע שטייער צוליעב זייער אָרימקייט. פון די איבריגע 10.000 זיינען 70 פראָצענט בע־שטייערט מיט דעם נידריגסטען ציפער. אָבער אויך פון אָט די קאטעגאָריע זיינען דריי פערטיל ניט אימשטאנד צו ערפילען זייער שטייער חוב. דער געשריבענער געזעץ קען אין עסטרייך ניט קיין אונטערשייד צווישען איד און קריסט. אָבער די עפענטליכע מעכטע בעהאנדלען דעם געזעץ אזוי קיהל ווי א טויטען בוכשטאב און די

עפּענטליכע מיינונג לייגט ווידער ארויף אויף די אידען דעם חרם וואָס דער געזעצגעבער האָט ארונטערגענומען פון זיי. אָט דער גע־ועלשאפטליכער חרם מאכט שווער פאר דעם אידען זיך צו ערווער־בען א שטיקעל ברויט און קאָן נאָך אין דער נאָהנטער צוקונפט עס אין גאנצען אונמעגליך מאַכען פאר איהם.

פון בולגאריען קלינגט אריבער צו אונז דערזעלבער יאָמער געשריי: א היפּאָקריטישער געזעץ, וואָס ווייס פון קיין אונטערשייד ניט פון רעכט צוליעב פערשיעדענהייט פון גלויבען, וועלכען די בע־אמטע מאכען אָבער אוועק אונטער'ן האנד; א שנאה אין אלע קריי־זען וואָס שרעקט צוריק איבעראל דעם אידען; נויט און עלענד אָהן האָפנונג אויף פערבעסערונג ביי די גרעסטע מעהרהייט פון די אי־דען.

אין אונגארן קלאָגען די אידען ניט. זיי זיינען אין פולען בע־זיץ פון אלע בירגערעכט; זיי מעגען ארבייטען און ערווערבען און זייער עקאָנאָמישע לאגע ווערט גינסטיגער. אָט דער גליקליכער צושטאנד דויערט אָבער נאָך ניט לאנג גענוג צו מאכען מעגליך פאר דער מעהרהייט אידען אז זיי זאָלען זיך קענען ארויפארביי־טען פון די טיפסטע אָרעמקייט, און דעריבער זיינען די מייסטע אידען אין אונגארען נאָך ניט געקומען אפילו צו אנ'אָנפאנג פון א בעקוועמעם לעבען. אויסער דעם פערזיכערן די וואָס ווייסען די פערהעלטעניסע אז אפילו אין אונגארן ליגט די שנאה צום אידען פערבאָרגען אונטער אן אויבערסטען צודעק און אז זי וועט אויס־ברעכען מיט שטורם ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

די 150.000 אידען אין מאראָקא און די אידען אין פערזיען, וואָס זייער צאָהל איז מיר ניט בעקאנט, מוז איך פערנאכלעסיגען. אָט די אונגליקליכע זיינען אפילו ניט בכח צו קעמפּפען געגען זייער עלענד. זיי ליידען עס מיט א טעמפּען יאוש, זיי קלאָגען ניט און זיי ציהען אונזער אויפמערקזאמקייט אויף זיך נאָר ווען דער המון ברעכט זיך אריין אין זייער געטטא און רויבט, שענדעט, און מאָרדעט.

די לענדער, וואָס איך האָב אייך דאָ אָנגערופען מיט די גע־

מען, בעשטימען דעם גורל פון פיעל מעהר ווי זיבען מיליאָן אידען. זיי אלע, מיט אויסנאמע פון אונגארן דריקען ארונטער די אידען, דורך רעכט בעשריינקונג און אמטליכע אָדער געזעלשאפטליכע אָבנייגונג, צום שטאנד פון פראָלעטאריער און פראָפעסיאָנעלע בעטלער, ניט געבענדיג זיי אפילו די האָפנונג זיך צו ערהויבען, דורך די אנשטרענגונג פון דעם יחיד אָדער דעם כלל, איבער אָט די עקאָנאָמישע מדרגה.

די „געוויסע" פראקטישע לייט וואָס ענטזאגען זיך פון אלע „אונפראקטבארע חלומות" און ווענדען אָן זייער שטרעבען אויף דאָס וואָס ליעגט נאָהענט פון זיי, אויף וואָס זיי קענען דערגרייכען, זיינען אין דער מיינונג אז ווען מען וועט אפנעמען די רעכטס-בעשריינקונג, וועט דאָס העלפען די אידען פון מזרח אייראָפא ארויסרייסען זיך פון זייער עלענד. גאליציען איז אימשטאנד צו בעווייזען די אונריכטיגקייט פון אָט דער מייגונג. און ניט גאליציען אליין. די רפואה פון געזעצליכע עמאנציפאציאָן איז פרובירט געוואָרען אין אלע מדינות פון דער העכסטער מדרגה פון קולטור. לאָמיר זעהן וואָס דער עקספערימענט לערנט אונז.

די אידען פון מערב אייראָפא זיינען ניט אונטערגעוואָרפען אונטער קיינע געזעץ בעשריינקונג. זיי מעגען זיך פריי בעוועגען און ענטוויקלען ווי אלע זייערע ניט אידישע לאנדסלייט. די עקאָנאָמישע רעזולטאטען פון אָט דער פרייהייט פון בעוועגונג זיינען אויך געווען אָהן ספק די גינסטיגסטע. די אידישע ראסענאייגענשאפטען פון פלייסיגקייט, געדולד, ניכטערקייט, און שפּארזאמקייט האָבען געהאט די ווירקונג אז דער אידישער פּראָלעטאריאט איז דאָרטען פיעל פערקלענערט געוואָרען, און אין אנדערע לענדער וואָלט ער אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען ווען ער וואָלט ניט גענעהרט געוואָרען דורך אידישע איינוואנדערונג פון די מזרח לענדער. די עמאנציפירטע אידען פון דער וועסט שטעלען זיך אויף א גוטען מעמד פערהעלטניסמעסיג שנעל. יעדענפאלס נעמט דאָס טעגליכע קעמפפען פאר די שטיקעל ברויט ניט אָן אזא שוידערליכע פאָרמע ווי אין רוסלאנד, רומעניען, און

גאליציען. אבער אונטער אט די אידען וואקסט ארויס אנאנדער אידישע נויט: די מאראלע..

דער מערב איד האט ברויט, אבער אויף ברויט אליין לעבט מען אויך ניט. דער מערב איד איז כמעט קיינמאל נישט אין גע־פאהר מיט זיין לייב און לעבען, פאר דעם המון; אבער די קער־פערליכע וואונדען זיינען ניט די איינציגע וועלכע שמערצען און דורך וועלכע מען בעקומט בלוט פערגיפטונג. דער מערב איד האט אויסגעטייטשט די עמאנציפאציאן אלס א ווירקליכע בעפרייאונג און האט זיך גענייעלט אונטערצוציהען דעם סך הכל דערפון. די פעלקער צייגען איהם אז ער האט אונרעכט, צו זיין אזוי הערצליך לאגיש .דאס געזעץ בויט גרויסמוטיג אויף די טעאריע פון גלייכ־בערעכטיגונג. רעגיערונג און געזעלשאפט פראקטיצירען א גלייכ־בערעכטיגונג, וואס מאכט די טעאריע צו שאנדע, אזוי ווי די ערוועהלונג פון סאנכא פאנצא פאר די גלענצענדע שטעלע פון וויצע־קעניג פאר דעם אינזעל באראטאריא. דער איד זאגט נאאיוו: „איך בין א מענש, און קיין זאך וואס איז מענשליך איז פרעמד פאר מיר“. דער ענטפער קלינגט אבער אריבער צו איהם: „לאז צו־רוה, דיין מענשליבקייט קען מען אויסנוצען נאר מיט פארזיכט; עס פעהלט דיר דער ריכטיגער בעגריף פון עהרע, דער געפיהל פון פליכט, די מאראל, די ליעבע צום פאטערלאנד, דער אידעאליזם, און מיר מוזען דיר דעריבער האלטען פון דער ווייטען פון אלץ וואס פאדערט אין פאראויס אט די מעלות“.

מען האט קיינמאל ניט פרובירט צו בעגרינדען אט די שרעק־ליכע בעשולדיגונגען אויף פאקטען. העכסטענס ווערט דא אדער דארטען מיט טריאומפף אנגעוויזען אויף אנאיינצעלנעם אידען, אנ׳אויסוואורף פון זיין פאלק און פון דער מענשהייט און אזא איינ־צעלנער פאל ווערט געמאכט אלגעמיין, הגם אזא פראצעס איז אין גאנצען געגען אלע כללים פון ריכטיגען דענקען און ציהען די ריכ־טיגע שליסע. אבער דאס איז פסיכאלאגיש גוט בעגרינדעט. עס איז די געוואהנהייט פון מענשליכען בעוואוסטזיין, אויסצוגעפי־נען בעגרינדונגען וואס שיינען צו זיין פערנינפטיג פאר פאראור־

טיילע וואס דער געפיהל האט אין מענשען פריהער אויפגעוועקט. די פאלקס קלוגקייט האט שוין לאנג געוואוסט פון אט דעם פסיכאלאגישען געזעץ און האט עס אויסגעדריקט אויף איהר איינפאכען אופן אין זעהר אנ־אויסדרוקספאלע פארמע: „ווען מען וויל דערטרינקען א הונד", זאגט דאס שפריכווארט, „בעהויפטעט מען אז ער איז משוגע". מען טראכט אויס אויף דעם אידען אלערליי הטאים, ווייל מען וויל זיך גופא בעווייזען אז מען איז גערעכט וואס מען האסט איהם. אבער די הויפטזאכע איז אז מען האסט דעם אידען.

איך מוז דאס שמערצליכע ווארט ארויסזאגען: די פעלקער, וואס האבען עמאנציפירט די אידען, האבען געהאט א טעות אין זיך גופא. כדי אז די עמאנציפאציאן זאל ווירקען מיט איהר גאנצען קראפט, האט זי צוערשט געדארפט דורכגעפיהרט ווערען אין געפיהל, איידער זי איז געווארען אויסגעדריקט אין געזעץ. דאס איז אבער דער פאל ניט געוועזען. דער פאל איז געוועזען גראדע פערקעהרט. די געשיכטע פון די אידישע עמאנציפאציאן איז איינע פון די מערקווירדיגסטע שטיקער געשיכטע פון דעם אייראפייאישען דיינקען. די אידישע עמאנציפאציאן איז ניט דער רעזולטאט פון איינזעהן אז מען האט שווער פערשולדיגט געגען א פאלק, אז מען האט איהם אנגעטהאן עטוואס שרעקליכעס און אז עס איז שוין צייט גוט צו מאכען דעם טויזענדיעהריגען אונרעכט. זי איז נאר געוועזען דער רעזולטאט פון דעם גראדליניגען געאמעטרישען דיינקען פון דעם פראנצויזישען ראציאנאזילם פון 18טען יאהרהונדערט. דיעזער ראציאנאליזם האט זיך אויפגעבויט בלויז אויף לאגיק, ניט נעמענדיג אין אנבעטראכט די לעבעדיגע געפיהלען, און האט זך איינגעעקשנ'ט אז ער מוז איינפיהרען די בעגריפע פון ריינעם שכל אליין אין דער וועלט פון ווירקליכקייט „בעסער זאלען די קאלאניען חרוב ווערען איידער א פרינציפ", לויטעט דער בעקאנטער אויסגעשריי, וואס בעוויזט די אנווענדונג פון דער ראציאנאליסטישער מעטאדע אויף די פאליטיק. די אידישע עמאנציפאציאן שטעלט פאר נאך אנאויטאמאטישע אנווענדונג פון

דער ראַציאָנאַליסטישער מעטהאָדע. די פילאָזאָפיע פון רוסא און די ענציקלאָפעדיסטען האָט געפיהרט צו די ערקלעהרונג פון מענשענרעכט. פון די ערקלעהרונג פון מענשענרעכטע האָט די טרוקענע לאָגיק פון די מענער פון דער גרויסע רעוואָלוציאָן ארויס־געדרונגען די אידישע עמאנציפאציאָן. זיי האָבען אוועקגעשטעלט אַ פערגלייכונג וואָס האלט אויף די כללים פון לאָגיק: יעדער מענש האָט פון נאטור בעשטימטע רעכט די אידען זיינען מענשען; דע־ריבער האָבען די אידען פון דער נאטור מענשענרעכט. און אויף דעם אופן איז די גלייכבערעכטיגונג פון די אידען פראָקלאמירט געוואָרען אין פראנקרייך, ניט אלס א רעזולטאט פון ברידערליכע געפיהלען פאר אידען, נאָר ווייל די לאָגיק האָט אזוי געפאָדערט. דער פאָלקסגעפיהל האָט זיך אפילו אנטקעגען געשטעלט, אָבער די פילאָזאָפיע פון דער רעוואָלוציאָן האָט געהייסען שטעלען די פרינציפען העכער פאר דעם געפיהל. איך בעט אום ענטשולדי־גונג פאר דעם אויסדרוק, וואָס שליסט ניט איין אין זיך קיין אונ־דאנקבארקייט: די מענער פון 1792 האָבען אונז עמאנציפירט אוים פרינציפיענרייטערייו.

די איבריגע מערב איירָאפא האָבען נאָכגעאהמט דעם ביישפיעל פון פראנקרייך, ווידער ניט אונטער דעם דרוק פון געפיהל, נאָר ווייל די ציוויליזירטע פעלקער האָבען געפיהלט א סאָרט גייסטיגע נויטיגקייט זיך צו ערווערבען די געווינסען פון דער גרויסער רע־וואָלוציאָן. אזוי ווי די פראנקרייך פון דער רעוואָלוציאָן האָט גע־געבען דער וועלט דעם מעטרישען סיסטעם פון מאס און געוויכט, אזוי האָט זי אויך געשאפען א סאָרט גייסטיגען אורמעטער, וועל־כען די איבריגע פעלקער האָבען, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, אָנגענומען אלס נאָרמאלמאס פון זייער גייסטיגען צושטאנד. א לאַנד וואָס האָט בעהויפטעט צו שטעהן אויף דער הויך פון דער ציוויליזאציאָן, האָט געמוזט בעזיצען געוויסע אינסטיטוציאָן וועל־כע זיינען געשאפען, איבערגענומען, אָדער ענטוויקעלט געוואָרען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן, אזוי ווי, פאָלקספערטרעטונג, פרעס־פרייהייט, געשוואָרענע ריכטער, א. ז. וו. די אידישע עמאנציפאצ־

יאָן איז אויך געווען איינע פון אַט די אונפערמיידליכע אינסטי־טוציאָנען פון אַ הויכגעבילדעטע הויזליכע איינאָרדנונג פון דער מדינה, אזוי ווי צום ביישפיעל, די פיאַנאָ, וואָס טאָר ניט פעהלען אין זאַל, אפילו ווען קיין מיטגליד פון דער פאַמיליע שפּיעלט ניט קיין פיאַנאָ. אויף אַזאַ אופן זיינען די אידען פון מערב איירעפּאַ עמאַנציפּירט געוואָרען, ניט דורך אַנאָנעריכען דרוק, נאָר דורך נאָכאַהמונג פון אַ פּאָליטישע מאָדע, ניט ווייל די פעלקער האָבען געהאַט בעשלאָסען צו געבען די אידען אַ ברודער־האַנד, נאָר ווייל די פיהרענדע גייסטער האָבען געהאַט אַנערקענט אַ געוויסען איי־ראָפּייאישען ציוויליזאציאָנס אידעאל, וואָס האָט אויך געפאָדערט אַז די אידען זאָלען אויך שטעהן אין דעם געזעץ־בוך. נור אויף איין לאַנד אליין קאָן דאָס ניט אַנגעווענדעט ווערען, דאָס איז ענגלאַנד. דאָס ענגלישע פאָלק לאָזט זיך ניט ארויפנויטיגען זיין פאָרטשריט פון דרויסען. עס ענטוויקעלט איהם פון זיין אינערן. אין ענגלאַנד איז די אידישע עמאַנציפּאַציאָן אַן אמת. זי איז ניט בלויז געשריבען, זי ווערט דורכגעלעבט. זי איז שוין לאַנג צוריק געווען דורכגעפיהרט אין גייסט, ווען זי איז בעשטעטיגט געוואָרען אויסדריקליך פון געזעץ. צוליעב רעספּעקט פאַר די טראַדיציאָן, האָט מען זיך נאָך געשייט אין ענגלאַנד פאָרמאַל אָראָפּצונעמען די געזעצליכע בע־שריינקונגען פון די „נאָן־קאָנפאָרמיסטען“ (אנדערש גלויביגע), ווען די ענגלענדער האָבען אין לעבען שוין זייט אַ מענשענאַלטער גע־זעלשאַפטליך ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען קריסט און אידען. אַ גרויס פאָלק מיט אַ רייכען גייסטעס לעבען לאָזט זיך נאַטירליך ניט אויסשליסען פון קיין גייסטיגע שטרעמונג, ווי אויך פון קיין גייסטיגען טעות, פון דער צייט. און דארום קאָן מען אויך אין ענגלאַנד בעמערקען דעם אנטיסעמיטיזם אין פעראיינ־צעלטע פעלע. אָבער דער אנטיסעמיטיזם האָט דאָרטען נאָר די בע־דייטונג פון אַנאַכאַהמונג פון דער מאָדע אויף דעם קאָנטינענט, אַ מאָדע וואָס ווערט געטראָגען פון נארישע פראַנטען און דאַנדיס מיט וועלכע זיי פּיינען זיך אוים אלס דאָס נייעסטע געבראַכט פון דער פרעמד, אלס אַ זאַך וואָס ווייזט כלומרשט פאָרנעמליכקייט.

אין אלגעמיין וועט איהר געפינען אז דער בעריכט פון הערר דע האאז איבער די לאגע פון די אידען אין ענגלאנד, וואס איז אזוי רייך אין צאהלען און פאקטען, גיט מעהר טרויסט ווי די אנדערע בעריכטען וואס מען וועט אייך דא פארלעזען.

די עמאנציפאציאן האט אין גאנצען געענדערט די נאטור פון דעם אידען און האט איהם געמאכט פאר אן אנדער בעשעפניס. דער רעכטלאזער איד פון פאר דער עמאנציפאציאנסצייט איז געווען א פרעמדער אונטער די פעלקער, אבער ער האט קיין אויגענבליק ניט געדיינקט צו פראטעסטירען געגען דעם פאקט. ער האט געפיהלט אין גאנצען אלס א פערזאן וואס געהערט צו א בעזונדער פאלק, וואס האט גאר ניט צו טאן מיט די איבריגע איינוואהנער. ער האט ניט ליעב געהאט די געלע לאטע וואס ער האט געמוזט טראָגען אויף זיין מאנטעל, ווייל דאס איז געווען א רעגיערונגס אויפפאָדערונג, פאר דעם המון, איהם גראב צו בעהאנדלען, וואס האט די בעהאנדלונג אפיציעל גערעכטפערטיגט אין פאראויס. פרייוויליג אבער האט דער איד בולט געמאכט זיין אבגעזונדערטקייט פיעל מעהר, ווי די געלע לאטע האט דאס געקאנט טאן. וואו די בעאמטע האבען איהם ניט איינגעמויערט אין א גהעטטא, האט ער זיך אליין אויסגעבויט א גהעטטא. מיט זיינע אייגענע ברידער האט ער געוואלט וואוינען צוזאמען, מיט די קריסטען האט ער געוואלט האבען נאר געשעפטליכע בעציהונגען. אין דאס ווארט גהעטטא הערט זיך היינטצוטאג דער קלאנג פון שאנדע און ערנידריגונג. דער וואס שטודירט אבער די פעלקערפסיכאלאגיע און די נאציאנאלע מנהגים זעהט אז מיט וואס פאר א כונה די גהעטטא איז געשאפען געווארען פון די קריסטען, איז ביי די אמאליגע אידען ניט בעטראכט געווארען אלס א תפיסה נאר אלס אן עיר מקלט. עס שטימט איין מיט דעם היסטארישען אמת ווען מיר זאגען אז נאר די גהעטא האט געגעבען אונזער פאלק די מעגליכקייט איבערצולעבען די שרעקליכע רדיפות פון מיטעלאלטער. אין די גהעטא האט דער איד געוואוינט אין זיין אייגענעם וועלט, זי איז פאר איהם געווען א זיכערע היים, וואס האט פאר איהם געהאט די גייסטיגע

און מאָראַלישע בעדייטונג פון א פאטערלאנד. אָט דאָ זיינען געווען די חברים ביי וועמען מען האָט געוואָלט אויסנעמען און ביי וועמען מען האָט דאָס געקאָנט טהאָן. אָט דאָ איז געווען די עפענטליכע מיינונג פון וועלכער דער עהרגייץ האָט געזוכט אנערקענט צו ווערען און וואָס איהר פעראכטונג אָדער אונווילען איז געווען די שטראָף פון שלעכטע אויפפיהרונג. אָט דאָ זיינען אָפּגעשעצט געוואָרען אלע ספעציפיש אידישע אייגענשאפטען און דורך זייער ענטוויקלונג האָט מען געקאָנט דערגרייכען די בעוואונדערונג וואָס איז א שטאַרקע טרייב־קראפט פאר דער מענשליכער נשמה. וואָס האָט זיי געארט אז אויסער דער גהעטטא האָט מען פעראכטעט וואָס מען האָט געלויבט אין דער גהעטטא? מען האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען דער מיינונג פון די וואָס שטעהען אין דרויסען, ווייל דאָס איז געווען דער מיינונג פון אונוויסענדע פיינד. מען האָט געשטרעבט צו געפעלען די אייגענע ברידער, און אָט דער געפעלען פון די ברידער איז געווען א וויכטיגער לעבענסאינהאלט. אָט אזוי האָבען די גהעטטא אידען געלעבט א פולען מאָראלישען און גייסטיגען לעבען. זייער אויסערע לאגע איז געווען אונזיכער, אָפט אין גרויס געפאהר, אינערליך אָבער האָבען זיי דערגרייכט צו אנאלזייטיגע פערנאנדערשפּילונג פון זייערע אייגענטימליכקייטען און האָבען קיין צושפאלטענקייט אין דעם ניט געהאט. זיי זיינען געווען הארמאָנישע מענשען, וואָס האָט זיי ניט געפעהלט קיין עלעמענט פון א נאָרמאלע עקזיסטענץ, פון א געזעלשאפטסמענש. זיי האָבען אויך אינסטינקטיוו געפיהלט די גאנצע בעדייטונג פון דער גהעטטא פאר זייער אינערליכען לעבען, און זיי האָבען געהאט נאָר איין זאָרג צו זיכערן זיין עקזיסטענץ דורך אנאונזיכטבארע וואנד, וועלכע איז געווען נאָך פיעל דיקער און העכער ווי דער זיכטבארע שטיינערנער מויער וואָס האָט זיי אָנגעשלאָסען. אלע אידישע מנהגים און געוואוינהייטען האָבען אונבעוואוסט געשטרעבט נאָך איין צוועק: אויפצוהאלטען דאָס יודענטהום דורך אָפּזונדערונג פון די פעלקער, צו פערשטארקען דעם געפיהל פון כל ישראל חברים, תמיד פאָרצוהאלטען פאר דעם איינצעלנעם אידען, אז ער וועט

זיך פערלירען און אונטערגעהן ווען ער וועט אויפגעבען זיינע אייגענטימליכקייטען. אט דער אבזונדערונגס דראנג איז געווען דער מקור פון די מייסטען געזעצע, וואס האבען זיך צוגעדעקט פאר דעם געוואוינליכען אידען מיט דעם בעגריף פון דער רעליגיאן גופא, און ער האט אויפגעהאלטען אויף אנדערע, ריין אויסערליכע און צופעליגע צייכענס פון אונטערשיידונג אין קליידער און אויפפיהרונג. דער קאפטאן, די פאות, דער שטריימעל, דער זשארגאן האבען גאר נישט צו טאן מיט רעליגיאן. די אידען האבען געקוקט מיט חשד אויף דעם ברודער וואס האט זיך אייראפעאיש געקליידעט און וואס האט ריכטיג גערעדט אירגענד וועלכע אייראפיאישע שפראך, ווייל זיי האבען דאס בעטראכט אלס אנפאנג פון דערווייטערונג פון דער רעליגיאן.

אט דאס איז געווען די פסיכאלאגיע פון דעם גהעטטא אידען. דאן איז געקומען די עמאנציפאציאן. דאס געזעץ האט פערזיכערט דעם אידען אז ער איז א פולער בירגער פון זיין געבורטסלאנד. ער האט אויך געהאט א געוויסע פסיכאלאגישע ווירקונג אויף די וואס האבען געגעבען אט דעם געזעץ און האט פעראורזאכט אין זיין „האניג מאנאט" געוויסע צערטליכע אויסדריקע פון געפיהל פון דער קריסטליכער זייט, וואס האבען ערקלערט דעם געזעץ מיט הערצליכע ווארמקייט. דער איד האט זיך געאיילט אין זיין שכרות אפצוברעכען אלע בריקען הינטער זיך. איצט האט ער בעקומען אנאנדער היים, ער דארף שוין ניט מעהר די גהעטטא ער האט שוין אנדערע און וועמען זיך אנצושליסען, ער דארף זיך שוין מעהר ניט טוליען צו זיינע ברידער און רעליגיאן. זיין אינסטינקט פון זעלבסטאויפהאלטונג האט זיך באלד און אין גאנצען צוגעפאסט צו די נייע לעבענסבעדינגונגען. פריהער האט אט דער אינסטינקט דיקטירט די שארפסטע אפזונדערונג; איצט שטרעבט ער נאך אויסערליכע דערנעהטערונג און עהנליך ווערען. אנשטאט רעטענדע קאנטראסטען איז געקומען פערניכטענדע נאכאהמונג. איין אדער צוויי דורות לאנג, לויט נאך די לאנד, מיט אן איבערראשענדען גוטען ערפאלג. דער איד האט געמעגט גלויבען אז ער איז שוין א

דייטש, א פראנצויז, איטאַליענער, א.אז. וו., אזוי ווי יעדער אַנ־דערער פון זיינע לאנדסלייט, און ער האָט געשעפּט פון דעמזעלבען מקור פון פאָלק ווי זיי, די פולע מאָס פון אַלגעמיינעם לעבען, וואָס איז אבסאָלוט נויטיג צו דער ענטוויקלונג פון דעם יחיד.

דאָן, אָבער, נאָך א שלאָף פון 30 ביז 60 יאָהר, האָט, פאר א צוויי צעהנדליג יאָהר צוריק, ווידער אויסגעבראָכען דער אנטי־סעמיטיזם אין וועסט אייראָפּא פון דער טיעפעניס פון דער פאָלקס נשמה און האט אויפגעדעקט פאר די אויגען פון דעם ערשראָקענעם אידען זיין אמתע לאגע, וואָס ער האָט שוין מעהר ניט געהאט גע־זעהען. ער האָט נאָך אַלץ געמענט מיטשטימען ביי די וואהלען פון די פאָלקס־פערטרעטער, אָבער ער האט זיך געפונען אויסגעשלאָ־סען, אויף אן איידעלען אָדער גראָבען אופן, פון די פעראיינען און די פערזאמלונגען פון זיינע קריסטליכע לאנדסלייט. ער האָט נאָך אַלץ געהאט דאָס רעכט פון פרייע בעוועגונג, אָבער איבעראל האָט ער זיך אַנגעשלאָגען אן אויפשריפט, וואָס האָבען איהם אָנ־געוויזען : "דער איינטריט איז פערבאָטען פאר אידען". ער האָט נאָך אַלץ געהאָט דאָס רעכט צו ערפילען אלע חובות פון א ביר־גער, אָבער די רעכטע, וואָס גייען ווייטער ווי דאס שטימרעכט, די איידעלערע רעכטע, וואָס געהערען צו טאַלאַנט און טיכטיגקייט, אָט די רעכטע האָט מען איהם שארף ענטזאגט.

דאָס איז די היינטיגע לאגע פון דעם עמאַנציפּירטען אידען אין מערב אייראָפּא. זיין אידישע אייגענטימליכקייטען האָט ער אויפגעגעבען, און די פעלקער ערקלערען איהם אַז ער האָט זיך ניט ערוואָרבען זייערע אייגענטימליכקייטען. ער אנטלויפט פון זיינע אייגענע ברידער, ווייל דער אנטיסעמיטיזם האָט ערוועקט אַן עקעל אין איהם נעגען זיי, און זיינע לאנדסלייט שטויסען איהם צוריק, ווען ער פּרובירט זיך דערנעהנטערען צו זיי. די היים פון דער גהעטא האָט ער פערלאָרען, די געבורטס־לאַנד ענטזאגט זיך צו זיין זיין היים. ער האָט ניט קיין באָדען אונטער זיינע פיס און ער האָט ניט קיין פערבינדונג מיט א כלל, וואו ער זאָל זיך קענען אריינפּאסען אלס ווילקאָמענער מיטגליעד מיט אַלע רעכטע. ביי

זיינע קריסטליכע לאנדסלייט האט ניט זיין וועזען, ניט זיינע מעשים צו רעכענען אויף גערעכטיגקייט, א פשיטא שוין אויף גור־טען ווילען, און מיט די אידישע לאנדסלייט האט ער פערלאָרען זיין צוזאַמענהאַנג. ער פיהלט אז די וועלט איז קידער־ווידער מיט איהם און ער זעהט ניט קיין שטעלע, וואו ער זאָל קענען געפינען א ווארימע אויפנאַהמע, ווען ער זוכט איהר און ביינקט נאָך איהר.

דאָס איז די מאָראַלישע אידישע נויט, וואָס איז ביטערער ווי די קערפערליכע, ווייל זי בעריהרט העכער דיפערענצירטע, שטאָל־צערע, פיינער פיהלענדע מענשען. דער עמאנציפירטער איד איז אונזיכער אין זיינע בעציהונגען צו זיינע נעבענמענשען, ענגסטליך אין דער בעריהרונג מיט אונבעקאַנטע, און קוקט מיט חשד אפילו אויף די בעהאַלטענע געפיהלען פון זיינע פריינד. ער פערברויכט זיינע בעסטע קרעפטען צו אונטערדריקען און אויסצוראָטען, אָדער, וויניגסטענס, פיינליך צו בעהאַלטען זיין איך, ווייל ער האָט מורא טאָמער וועט אָט דער איך דערקענט ווערען אלס אידיש, און ער האָט קיינמאָל ניט די לוסט זיך ארויסצוגעבען אין גאַנצען ווי ער איז, צו זיין ער גופא, ווי ער איז אין יעדען געדאַנקען און געפיהל, אין יעדען טאָן פון זיין שטימע, אין יעדע בעוועגונג פון זיין אויג. אינערליך ווערט ער פערקריפעלט, אויסערליך ווערט ער — אונ־עכט און דורך דעם לעכערליך און אפשטויסענד פאר דעם העכער געשטימטען עסטעטישען מענשען ווי יעדער ניט־אמת.

אַלע בעסערע אידען פון מערב אייראָפּא קרעכצען אונטער אָט די נויט און זוכען פערבעסערונג און רעטונג. זיי האָבען ניט מעהר דעם גלויבען וואָס גיט געדולד צו ליידען און צו דערקענען דאָ די האַנד פון גאָט וואָס שטראַפט אבער ליעבט אויך. זיי האָ־בען ניט מעהר די האָפנונג אז משיח וועט קומען, און וועט זיי דורך א נס דערהויבען צו גדולה. אַנדערע זוכען זיך צו ראַטעווען דורך דעם, וואָס זיי ענטלויפען פון יודענטהום. דער פאַקט איז, אז דער ראַסען־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער לייקענט די פערוואַנדלונגס־קראַפט פון דער טבילה, ווייזט ניט קיין שיינעם אויסזיכט פאר אזא רעטונגס־פלאַן. צווייטענס קען מען גראַדע ניט רעקאָמענדירען

אַט די ענטלויפער, וואָס זענען דאָך מייסטענס ניט־גלויביגע, אַז זיי זאָלען אַריינטרעטען אין קריסטענטום דורך דעם ליגען פון די לעסטערונג פון גאָט. יעדענפאַלס שטעהט אויף אויף דעם אופן אַ נייע סעקטע פון אנוסים, וואָס איז פיעל ערגער ווי די אַלטע. די אַלטע אנוסים האָבען געהאַט אַ אידעאַליסטישען צוג פון געהיימע ביינקונג נאָכ'ן אמת, אַ האַרצברעכענדע נויט פון געוויסען און חרטה און זיי האָבען אָפט געגנוג געזוכט מכפּר צו זיין זייער זינד און זיך צו רייניגען דורך בעוואוסטזיניגע פערגיסונג פון זייער אייגענע בלוט. די נייע אנוסים שיידען זיך פון יודענטהום מיט ערגער און פערביטערונג, אָבער, טיעף אין האַרצען, הגם ניט אָנ־ערקענט פון זיי גופא, טראָגען זיי אַריבער צום קריסטענטום זייער אייגענע ערנידריגונג, זייער אייגענע אונעהרליכקייט, דעם האַס וואָס האָט זיי געצוואונגען צו זייער ליגען. אַ שרעק נעהמט מיר אָן, ווען איך טראַכט וועגען די צוקונפטיגע ענטוויקלונג פון דעם דור פון די נייע אנוסים, וואָס ווערט גייסטיג ניט אָנגעהאַלטען אָהן קיין טראַדיציאָן, וואָס זיין גייסט איז פערגיפטעט דורך די שנאה צו זיין אייגענע ווי צו פרעמדע בלוט, וואָס זיין זעלבסט־אַכטונג איז צושטערט דורך דעם בעוואוסטזיין פון אַ פונדאַמענטאַלען ליי־גען וואָס שטעהט תמיד פאַר זיינע אויגען.

אַנדערע, ווידער, האָפען, אַז די רפואה וועט קומען פון דעם ציוניזם, וועלכען זיי בעטראַכטען ניט אַלס אַ ערפילונג פון אַ גע־שריעבענע מיטהישע הבטחה, נאָר אַלס אַ וועג צו אַן עקזיסטענץ, וואו דער איד זאָל סוף־כל־סוף געפינען יענע איינפאַכסטע און עלע־מענטאַרסטע לעבענסבעדינגונגען, וואָס זענען זעלבסט־פערשטענד־ליך פאַר יעדען ניט־אידען פוןביידע וועלטען. נעמליך: אַ זי־כערען געזעלשאַפטליכען אנהאַלט, אַ פריינדליכע געמיינשאַפט, די מעגליכקייט צו פערווענדען אַלע אָרגאַנישע קרעפטען צו די ענט־וויקלונג פון אַן אמת'ען וועזען, אנשטאַט זיי צו מיסברויכען אויף אַ זעלבסט־צושטערענדעם אופן, כדי צו אונטערדריקען, פערפאַל־שען, אָדער פערמאַסקירען אַט דעם וועזען.

אַט דאָס איז די לאַגע אין וועלכע דאָס אידישע פאָלק גע־

פינט זיך אם ענדע פון 19טען יאהרהונדערט. כדי עס קורץ אויס־צודריקען: די אידען זענען אין זייער מעהרהייט א פאלק פון פערהאסטע בעטלער. פלייסיגער און פערנינפטיגער ווי דער דורכ־שניט פון די אייראפייאישע מענשען — שווין ניט רעדען פון די פוילע אזיאטען און אפריקאנער — איז דער איד פער'משפט צום העכסטען עלענד פון א פראלעטאריער, ווייל עס איז איהם ניט ער־לויבט פריי צו בענוצען זיינע קרעפטען. דורכגעדרונגען פון א הייסען און ניט־געשטילטען הונגער פון בילדונג, ווערט ער צוריק־געשטויסען פון די פלעצער וואו מען קאן בילדונג ערהאלטען, — אן אמת'ער טאנטאלוס בילד פון אונזער מיטהאלאגישע צייט. בעגאבט מיט אן אונגעהייער גרויסע טרייבקראפט פארווערטס, וועלכע הויבט איהם וויעדערהאלט ארויס פון די זומפיגע טיפענים, וואו מען האט איהם אראבגעדריקט און מען וויל איהם בעגראבען, צוברעכט ער זיך דעם קאפ אן דעם דיקען אייז־דעק פון האס און פעראכטונג, וועלכע ליעגט אויסגעשפרייט איבער זיין קאפ. א געזעלשאפטס־מענש מעהר ווי אלע אנדערע, א געזעלשאפטס־מענש, וואס אפילו זיין גלויבען רעקאמענדירט איהם אלס א פערדינסט־ליכען טהאט וואס געפעהלט גאט, צו עסען זאלבעדריט און צו דאַ־ווענען אין געמיינשאפט פון צעהן, איז ער אויסגעשלאסען פון די נארמאלע געזעלשאפט פון זיינע לאנדסלייט, און איז פער'משפט צו איינזאמקייט. מען בעקלאגט זיך אויף איהם, אז ער שטופט זיך אין פראנט; אבער, ער שטרעבט דאך צו זיין העכער פאר אנדערע, נאר ווייל מען ענטזאגט איהם גלייכהייט. מעןווארפט איהם פאר, אז ער בעזיצט צופיעל פון דעם כל ישראל חברים גע־פיהל, און זיין אונגליק איז דאך וואס ביי דעם ערסטען ווארט פון ליעבע וואס די עמאנסיפאציאן האט אויסגעדריקט, האט ער ארויס־געריסען פון זיין הארצען די אידישע סאלידאריטעט ביז דעם לעצ־טען שפור, כדי ער זאל קאנען מאכען פלאטץ פאר דער אליינ־הערשאפט פון דער ליעבע פאר זיינע לאנדסגענאסען. בעטויבט פון דעם האגעל פון אנטיסעמיטישע בעשולדיגונגען, הויבט ער אן צו צווייפלען אין זיך גופא און קומט אפט נאהענט דערצו, זיך צו

האלטען פאר דעם פיזישען און גייסטיגען פערזעהעניס, וואס זיינע שונאים שטעלען איהם פאר. מען הערט איהם ניט זעלטען מורמעלן, אז ער מוז זיך לערנען פון זיינע פיינד און פרובירען זיך צו היילען פון די פעהלערן וועלכע מען ווארפט איהם פאר, און ער בעדיינקט זיך ניט, אז די אנטיסעמיטישע אנקלאגען זיינען פאר איהם אין גאנצען אונפרוכטבאר און ווערטהלאז, ווייל זד זיינען ניט א קריטיק פון פעהלערן, וואס זיינען אין אמת'ען בעמערקט געוואָרען, נאר אז זיי זיינען די ווירקונג פון יענעם פסיכאלאגישען געזעץ, לויט נאך וועלכען קינדער, ווילדע און רשעות'דיגע נארען מאַכען פעראנטוואָרטליך פאר זייערע צרות בעשעפעניסען אדער זאַכען, נעגען וועלכע זיי פיהלען א ווידער־ווילען. אין דער צייט פון דעם שווארצען טוידט, האט מען בעשולדיגט די אידען אז זיי האָבען פערגיפטעט די ברינעמער; היינט בעשולדיגען זיי די אגראַריער, אז זיי הריקען ארונטער די פרייזען פון די תבואות; די בעלי מלאכות — אז זיי פערניכטען דעם קליין געווערב; און די קאָנסערוואטיווען בעשולדיגען — אז זיי זיינען פון דער רעגיערונג. וואו עס זענען קיין אידען ניטא, ווייזט מען אן אויף אנדערע גרופען פון דער בעפעלקערונג וועלכע מען האט פיינד, מייסטענס פרעמדע, אפט היימישע מינאריטעטען, סעקטען, אדער געזעלשאפטען אלס אורזאכער פון דיזעלבע שלעכטע צושטענדע. אט דיזע פערקערפערונג פון דעם געפיהל פון שנאה בעווייזט נאר ניט נעגען די בעשולדיגטע, עס בעווייזט נאר אז זייערע מקטרגים האבען זיי שוין געהאסט, ווען זיי האבען אנגעפאנגען צו ליידען און אז זיי האָבען זיך ארומגעקוקט צו געפינען א שעיר לעזאזל.

דער בילד וואלט נאך ניט זיין גאנץ, ווען איך זאל דא ניט צוגעבען נאך א שטריך, א לעגענדע, אין וועלכע אפילו ערנסטע און געבילדעטע מענשען גלויבען, וואס דארפען אפילו ניט זיין אנטיסעמיטען, בעהויפטעט אז די אידען האבען א גרויסע קראפט און הערשאפט, אז זיי בעזיצען אלע רייכטימער פון דער ערד. זיי, די סעקרעטנע בעזיצער פון מאכט, — אט די אידען, וואס זענען אפילו ניט אימשטאנד צו בעשיצען זייערע ברידער נעגען די מארד־לוסט

פון דעם עלענדען אראבישען, מאראקאנישען און פערסישען געזינדעל! זיי, די פערקערפערונג פון מאמאָן, — אָט די אידען, פון וועלכע מעהר ווי העלפט פערמאָגען ניט קיין שטיין אויף וואָס ארויפצולייגען דעם קאָפּ און קיין שמאטע — מיט וואָס צו בעדעקען זייער נאקעטען קערפּער! דאָס איז דער שפּאָט וואָס קומט צו און טריפט אריין גיפט אין די וואונד וואָס דער האס האָט פערורזאכט. עס זענען געווים דא אייניגע הונדערט איבערהייכע אידען, וואָס זייערע ליארעמדיגע מיליאָנען ווערט בעמערקט זעהר וויים. אָבער וואָס האָט אונזער פאָלק מיט זיי צו טהאָן? מייסטען פון זיי — איך שלים גערן אוים א מינאָריטעט — געהערען צו די ניעדריגסטע נאטורען פון דער יודענהייט, וואָס די נאטירליכע וואהל האָט זיי בעשטימט צו דעם געשעפט, וואו מען געווינט שנעל מיליאָנען און אָפּט מיליארדען — פרעגט מיר ניט ווי אזוי! אין א נאָרמאלע און פאָלשטענדיגע אידישע געזעלשאפט, וואָלטען אָט די מענשען פערנומען די אונטערסטע מדרגה פון פאָלקס־אכטונג, צוליעב זייערע אָרגאנישע אייגענשאפטען, וויינינגסטענס, וואָלטען זיי בשום אופן ניט בעקומען די אדעלס־טיטולען און די הויכע אָרדענס, מיט וועלכע די קריסטליכע וועלט צייכענט זיי אוים. דאָס יודענטהום פון די נביאים און די תנאים, דאָס יודענטהום פון הלל, פילא, אבן גבירול, יהודה הלוי, רמב"ם, שפינאָזא, היינע, וויל ניט קענען אָט די געלדזעק וועלכע לאכען זיך אוים פון וואָס מיר פערעהרען, און וועלכע שעצען וואָס מיר — פעראכטען. אָט די לייטע זענען דער הויפּט אויסרייד פון דעם מאָדערנעם יודענהאָס, וואָס האָט מעהר עקאָנאָמישע, ווי רעליגיעזע אורזאכען פאר דעם יודענטהום וואָס ליידעט צוליעב זיי, האָבען זיי קיינמאָל גאָר גישט געטהאָן, מעהר ווי צו צואווארפען אייניגע נדבות, וואָס זענען פאר זיי אייגענטליך קיינע קרבנות, אויפהאלטענדיג דערמיט א ספּעציפיש אידישע ראקקראנקהייט, די שנאָרעריי. פאר אידעאלע צוועקען, האָט מען זייער הילף קיינמאָל ניט געהאט און מען וועט עס קיינמאָל ניט קענען האָבען. פיעלע פון זיי פערלאָזען דאס יודענטהום, און מיר ווינשען זיי גליק אויף דער רייזע, און מיר בע־

דויערן נאָר, וואָס זיי קומען ארויס פון אידישע בלוט, הגם נאָר פון איהר אבזאץ.

די אידישע נויט טאָר קיינעם ניט בלייבען גלייכגילטיג, די קריסטליכע פעלקער אזוי וויניג ווי דעם אידישען פאָלק. עס איז א גרויסע זינד צו לאָזען א פאָלק אונטערגעהן אין קערפערליכע און לייבליכע נויט, א פאָלק וואָס אפילו זיינע ערגסטע שונאים פערלייקענען ניט זיין טאלאנט. עס איז א זינד געגען אָט דעם פאָלק און עס איז א זינד געגען דעם גייסטיגען פראָגרעס, וואו דאָס אידישע פאָלק וואָלט געוואָלט און געקאָנט זיין מעהר ווי א גלייכגילטיגער מיטארבייטער. און עס קאָן ווערען א גרויסער געפאהר פאר די פעלקער צו ערביטערן דורך אונווירדיגע בעהאנדלונג מענשען, וואָס האָבען א שטארקען ווילען, און וואָס זייער מאָס סיי אין גוטען סיי אין שלעכטען שטייגט אריבער די דורכשניטסמאָס, און מיט דעם זיי צו מאכען פיינד פון דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג. די מיקראָביאָלאָגישע וויסענשאפט לערנט אונז, אז קליינע בעשעפעניסען, וועלכע זיינען הארמלאָז אזוי לאנג ווי זיי לעבען אין דער פרייער לופט, ווערען פרוכטבארע אורזאכען פון קראנקהייטען, ווען מען רויבט פון זיי אוועק דעם זויערשטאָף, ווען מען פערוואנדעלט זיי, ווי דער פאכאויסדרוק לויטעט, אין אנאעראבישע בעשעפעניסען. די רעגירונגען פון פעלקער מוזען אויסמיידען צו מאכען פון די אידען אנאעראבישע בעשעפעניסען! זיי קאָנען אמאָל שווער חרטה האָבען!

אז די אידישע נויט שרייט און בעט הילף, האָבען מיר געזעהען. די גרויסע אויפגאבע פון קאָנגרעס וועט זיין צו געפינען אָט די הילף.

# דער ציוניזם

# דער ציוניזם 1902.

---

1.

דער ציוניזם איז א נייעס ווארט פאר זעהר אנ׳אלטע זאך, אויף וויפיעל ער דריקט בלויז אויס דאס בייגקען פון דעם אידישען פאלק נאך ציון. זינט די צערשטערונג פון דעם צווייטען בית המקדש דורך טיטוס׳ן, זינט די צושפרייטונג פון דעם אידישען פאלק אין אלע לענדער, האט דאס פאלק ניט אויפגעהערט היים צו ווינשען זיין צוריקקעהרען נאך די פארלארענע לאנד פון זיינע עלטערן און פעסט צו האפען אויף דעם. אט דאס אידישע בייגקען נאך ציון און אט די האפנונג אויף איהר איז געוועזן דער קאנקרעטער, איך קאן זאגען, דער געאגראפישער, אויסדרוק פון דעם אידען׳ס משיח גלויבען, וואס ער גופא האט אויסגעמאכט א גאנץ בעדייטענדען טייל פון זיין רעליגיאן. דער משיח גלויבען און דער ציוניזם זיינען במעט צוויי טויזענד יאהר לאנג פאקטיש געוועזן איינע און די זעלבע בעגריפע און עס איז ניט לייכט, אהן פלפול און סאפיזם, אפצוזונדערן אין דעם אידישען סדור די תפלות פאר די ערשיינונג פון דער פערשפראכענעם משיח און די ניט וויניגער פערשפראכענע ווידערקעהרונג צו די היסטארישע היים. אט די תפלות האט מען ביז א פאר דורות צוריק בוכשטעבליך פערשטאנען, אזוי ווי דער איינפאך גלויביגער איד פערשטעהט עס נאך ביז היינטיגען טאג. די אידען האבען גאר אנדערש ניט געוואוסט ווי אזוי זיי זיינען א פאלק, וואס האט פערלארען זיין אייגען לאנד אלס א שטראף פאר זיינע אייגענע זינד, וואס איז פערמשפט צו לעבען אלס פרעמדע אין פרעמדער לענדער, און וואס זיינע ליידען וועלען אויפהערען ערשט דאן ווען עס וועט ווידער

זיין פאַרזאַמעלט אויף דעם הייליגען באָדען פון דאָס הייליגע לאַנד.

ערשט יעמאָלט ווען אין מיטען פון אכטצעהנטען יאהרהונ־דערט האָט די אויפקלעהרונג, וואָס איהר ערשטער פערטרעטער איז געווען דער פּאָפּולאַר־פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אין יודענטום, איז אריינגעטרעטען אַן ענדערונג. די אמונה איז געוואָרען אָבגעקיהלט; די געבילדעטע, אויף וויפיעל זיי זיינען ניט אין גאַנצען אָבגעפאַלען פון דעם יודענטום, האָ־בען אָנגעהויבען אויסצוטייטשען די לעהרען פון זייער רעליגיאָן אויף אַראַציאָנאַליסטישען אופן. די צושפּרייטונג פון דעם אידי־שען פאָלק איז געוואָרען פאַר זיי אַנאַייביגער פאקט וועלכער קען ניט געענדערט ווערען. זיי האָבען אויסגעליידיגט דעם משיח בע־גריף און דעם ציון געדאַנק פון יעדען קאָנקרעטען אינהאַלט און האָבען זיך צוגעפּאַסט א מאָדנע תורה, לויט נאָך וועלכע מען האָט געדאַרפט פאַרשטעהן די צוגעזאָגטע ציון אין א גייסטיגען זין: אז די אידישע אידעע פון מאָנאָטעאיזם וועט פאַרשפּרייט ווערען אי־בער די גאַנצע וועלט און אז די אידישע עטהיק וועט זיעגען אי־בער די וויניגער ערהאבענע און נאָבעלע עטהיק פון אַנדערע פעל־קער. די אויפקלעהרונג פון א מענדעלסאָן האָט זיך ענטוויקעלט קאָנסעקווענט אין די ערשטע העלפט פון 19טען יאהרהונדערט אין רעליגיעזען רעפאָרם, וועלכע האָט, ווי בעוואוסט, געבראָכען מיט דעם ציוניזם. פאַר דעם רעפאָרם אידען האָט דאָס וואָרט ציון אזא קליינע בעדייטונג ווי דאָס וואָרט גלות. ער פיהלט זיך ניט אין קיין גלות. ער לייקענט אז עס עקזיסטירט א אידיש פאָלק און אז ער איז זיינער א מיטגליעד. ער וויל געהערען נאָר צו דעם פאָלק, אונטער וועלכען ער לעבט. פאַר איהם איז דאָס יודענטום אַריין רעליגיעזער בעגריף, וואָס האָט דאָס מינדעסטע ניט צו טהאָן מיט נאַציאָנאַליזם. זיין געבורטסלאַנד איז פאַר איהם זיין פאַטער־לאַנד און פון קיין אַנדער לאַנד וויל ער ניט וויסען. דער געדאַנק פון א ווידערקעהרונג נאָך פּאַלעסטינא רעגט איהם אויף אָדער רייצט איהם צום לאַכען. ער ענטפערט אויף דעם מיט דעם בעקאַנטען נאַרישען וויטץ: „ווען די אידישע מדינה זאָל ווידער אויפגעבויט

ווערען אין פאלעסטינא, וואלט איך פערלאנגען צו זיין איהר אמ־
באסאדאר אין פאריז".

דער דענקענדער איד איז לאנג ניט געווען אין טעות אז רע־
פארם יודענטום איז א האלבע זאך, וואס טראגט אין זיך, ווי יעדע
האלבע זאך, דעם קערענדל פון אונטערגאנג, ווייל עס קאן אויף איין
מינוט ניט באשטעהן געגען א לאגישע קריטיק. ווע מען קאן איי־
גענטליך דאס רעפארם יודענטום באפרידיגען? דעם גלויביגען אי־
דען? ער שטויסט עס אב מיט די טיעפסטע פעראכטונג. דעם אונ־
גלויביגען? ער פעראכט עס אלס היפאקריטיזם און פראזען דרע־
שעריי. דעם אידען וואס וויל באמת ברעכען מיט דער פערגאנגענ־
הייט פון זיין פאלק און פערשלונגען ווערען אין דער קריסטליכער
סביבה? פאר אזא אידען איז דאס רעפארם יודענטום ניט גענוג;
ער געהט א טריט ווייטער, א טריט וואס פיהרט צום שמד בעקען.
נאך ווייניגער איז עס אבער גענוג פאר דעם אידען וואס וויל אפ־
האלטען דאס יודענטום פון אונטערגאנג און עס אויפהאלטען אלס
עטהנישע אינדיווידואליטעט. ווייל פאר איהם בעדייטעט דאס
אויסדריקליכע אבזאגען זיך פון דער נאציאנאלער האפנונג ווי דאס
פערמשפט'ן פון זיך גופא צום לאנגזאמען אבער צום זיכערן טויט
פון דעם אידישע פאלק. דאס רעפארם יודענטום אהן דעם ציוניזם,
דאס הייסט, אהן דעם וואונש און די האפנונג פון די ווידערפער־
איינוגונג פון דעם אידישען פאלק, האט קיין צוקונפט. עס קאן
בעטראכט ווערען העכסטענס אלס א קרומער וועג וואס פיהרט ארי־
בער צום קריסטענטום. ווער עס וויל גרייכען צו את דעם ציעל גע־
פינט היינט צו טאג א גלייכערע און קירצערע וועג.

2.

שפעטער, אבער, נאך די דורות וואס זיינען געשטאנען אונטער
דעם איינפלוס פון דער מענדעלסאנישער פראזעאלאגיע און אויפ־
קלעהרונג, פון רעפארם און אסימילאציאן, איז אויפגעשטאנען אין
דעם לעצטען פינפטעל פון 19טען יאהרהונדערט א נייער דור וואס
האט געזוכט צו געווינען פאר דער ציון פראגע אנאנדער פאזיציאן
ווי די טראדיציאנעלע. אט די אידען ציהען מיט די פלייצעס הע־

רענדיג די ראבינער און ליטעראטען פלוידעריי פון א אידישע „מיסיאָן“, וואָס באשטעהט אין דעם אז די אידען מוזען אויף איי־ביג לעבען צושפרייט צווישען די פעלקער, כדי זיי זאָלען ווערען לעהרער און מוסטער פון זיטליכקייט פאר די פעלקער און זיי ביס־ליכווייז ערציהען צום ריינעם ראציאָנאליזם, צו אלגעמיינע פער־ברידערונג פון דער מענשהייט, און צו א אידעאלען קאָסמאָפּאָלי־טיזם. דער נייער דור ערקלעהרט אָט די מיסיאָן איינרעדעניש א חוצפה אָדער אלס א דומהייט. ער פערלאנגט בעשיידענער און מעהר רעאליסטיש נאָר דאָס רעכט פאר דעם אידישען פאָלק צו לעבען און זיך צו ענטוויקלען לויט נאָך זיינע אייגענע פעהיגקייטען ביז צו די נאטירליכע גרענעצען פון זיין אינדיווידואליטעט. די נייע אידען זיינען געקומען צום בעוואוסטזיין אז דאָס איז ניט מעגליך אין גלות, ווייל אונטער אָט די פערהעלטניסע וועט דאָס אידישע פאָלק תמיד פערפאָלגט און בעדריקט ווערען פון פאראורטייל, שנאה, און פעראכטונג, און וועט אָדער געהינדערט ווערען אין זיין ענטוויקלונג אָדער פערקריפּעלט ווערען אין א בלומרשדיגע עטהנישע גרופּע און וועט שאפען אנשטאט אָריגינעלע קרעפטען וואָס האָבען אַן עקזיסטענץ בערעכטיגונג, בלויז מיטעלמעסיגע אָדער שלעכטע קאָפּיען פון פרעמדע מאָדעלען. דער נייער דור שטרייבט דעריבער אָן זיינע קרעפטען אויף דעם אז דאָס אידישע פאָלק זאָל ווידער קאָנען אָנפיהרען א נאָרמאלען לעבען אויף אַן אייגען לאנד און זאָל קאָנען אויספילען אלע עקאָנאָמישע, גייסטיגע, זיטליכע, און פּאָליטישע פונקציאָנען פון א נאָרמאלעם פאָלק.

אָט דער ציעל קאָן ניט באלד דערגרייכט ווערען. ער ליגט אין א נאָהענטערע אָדער ווייטערע צוקונפט. דאָס איז א אידעאל, א וואונש, א האָפנונג ווי דער משיח ציוניזם איז געווען און איז. דער נייער ציוניזם, וואָס מען רופט דעם פּאָליטישען, אונטער־שיידט זיך אָבער פון דעם אלטען, רעליגיעזען, משיח־ציוניזם אין דעם וואָס ער ענטזאגט זיך פון אירגענד וועלכע מיסטיקע, וואָס ער אידענטיפיצירט זיך ניט מיט דעם משיח גלויבען, וואָס ער ער־ווארט ניט די ווידערקעהר נאָך פּאלעסטינא דורך א וואונדער, נאָר

וואָס ער וויל עס פאַרבערייטען דורך אייגענע אנשטרענגונג. דער נייער ציוניזם איז נאָר טיילווייז אויסגעוואכסען פון דעם אינער־ליכען דראנג פון יודענטום גופא, פון דער בעגייסטערונג פון מאָ־דערנע געבילדעטע אידען פאר זייער געשיכטע און מארטיראלאָגיע, דורך דעם ערוואכטען בעוואוסטזיין פון זייער ראסענפעהיגקייט, און דורך דעם עהרגייץ צו געבען דעם אוראלטען פאָלק א רייכע און א לאנגע צוקונפט. טיילווייז איז אָבער דער ציוניזם אויך דער רע־זולטאט פון צוויי אנרעגונגען וואָס זיינען געקומען פון דרויסען: ערשטענס דער נאציאָנאליטעטען געדאנק וועלכער האָט בעהערשט דאָס אייראָפּייאישע דיינקען און פיהלען א האלבען יאָהרהונדערט לאנג און האָט באשטימט די וועלט פּאָליטיק; און צווייטענס, דער אנטיסעמיטיזם פון וועלכען די אידען ליידען מעהר אָדער ווייני־גער אין אלע לענדער.

דער נאציאָנאליטעטענגעדאנק האָט ערצויגען אלע פעלקער צום זעלבסטבעוואוסטזיין און האָט אין זיי אריינגעפליסט דעם ליי־דענשאפטליכען וואונש נאָך אונאבהייגיקייט. אָט דער געדאנק איז ניט פארבייגעגאנגען אויך די געבילדעטע אידען אָהן א שפור. ער האָט זיי אָבגעשטעלט און האָט זיי געהייסען זיך פערטראכטען אויף זיך גופא, אז זיי זאָלען זיך ווידער אָנהויבען צו פיהלען, דאָס וואָס זיי האָבען פארגעסען, אלס א בעזונדער פאָלק, און פאָדערן פאר זיך נאָרמאלע פאָלקס־בעדינגונגען פון לעבען. אָט די אר־בייט פון ווידעראויסגעפינען זייער פאָלקס אינדיווידואליטעט איז זיי פערלייכטערט געוואָרען דורך די שטעלונג פון די פעלקער וואָס האָבען זיי אויסגעשיידט פון זיך אלס פרעמדע עלעמענטען און האָ־בען ארויסגעשטעלט אָהן העפליכקייט און אָהן שוינונג די אמת'ע אונד איינגעבילדעטע קאָנטראסטען אָדער אונטערשיעדע צווישען זיי און די אידען.

דער נאציאָנאליטעטנגעדאנק האָט געפיהרט אין זיין איבער־טרייבונג צו עקסטרעמען. ער האָט פערבלאָנזשעט אויף א שאָווי־ניסטישען וועג, ער איז פערפיהרט געוואָרען צום נארישען פרעמד־דענהאס, און איז פערדומט געוואָרען צו אנאומגעלומפערטע זעלבסט־

פערגעטערונג. גענען אזא זעלבסטקאריקאטור איז דער אידישער נאציאָנאַליזם זיכער. דער אידישער נאציאָנאַליסט ליידט ניט פון נאציאָנאַלער גאווה ער פיהלט גראדע פערקעהרט, אז ער מוז זיך אָהן אויפהער אָנשטרענגען כדי צו מאכען דעם נאָמען איד אנעהרענ־נאָמען. ער אנערקענט בעשיידען די גוטע מעלות פון אנדערע פעל־קער און זוכט צו מאכען זיי זיין אייגענטום, אזוי ווייט ווי זיי זיינען אין איינקלאנג מיט זיינע אייגענטימליכקייטען. ער ווייס וואָס פאר אונגעהייערע שאדען די יאהרהונדערטע פון שקלאפעריי און רעכטלאָזיגקייט האָבען אָנגעמאכט אין זיין כאראקטער, וואָס איז בטבע געווען שטאָלץ און מוטהיג, און ער זוכט עס צו היילען דורך אינטענסיווע זעלבסט־ערציהונג. אויב דער נאציאָנאַליזם זאָל זיך אָבער פארהיטען פון טעות'ן, דעמאָלסט איז ער א נאטירליכע פאַזע פון דעם ענטוויקלונגס פראָצעס וואָס איז אָנגעגאנגען פון דעם בארבארישען עגאָאיסטישען אינדיווידואליזם צו א פרייע מענשליכקייט און אלטרואיזם, א פאזע וואָס איהר בערעכטיגונג און נויטיגקייט קען נאָר דער לייקענען וועלכער פארשטעהט גאָר ניט די געזעצען פון אָרגאנישע ענטוויקלונג און האָט ניט קיין היס־טאָרישען חוש.

דער אנטיסעמיטיזם האָט אויך געוויזען פיעל געבילדעטע אידען דעם וועג צוריק צו זייער פאָלק. ער האָט געהאט די וויר־קונג פון א שארפען נסיון, וואָס די שוואכע האָבען ניט געקענט בעשטעהן, אָבער פון וועלכען די שטארקע זיינען ארויסגעגאנגען נאָך שטאָרקער אָדער ווייניגסטענס מעהר זעלבסטבעוואוסט. עס איז ניט אמת אז דער ציוניזם איז בלויז א צו להכעיס אָדער א יאוש בעוועגונג געגען דעם אנטיסעמיטיזם. מאנכע געבילדעטע אידען זיינען געווים נאָר דורך דעם אנטיסעמיטיזם גענויטיגט געוואָרען זיך ווידער אָנצושליסען אָן דעם יודענטום, און זיי וואָלטען צו־ריק אָפּפאָלען, ווען זייערע קריסטליכע לאנדסלייט וואָלטען זיי פריינדליך אויפנעמען. אָבער ביי דאָס רוב ציוניסטען איז דער אנטיסעמיטיזם געווען נאָר אנ'אנרעגונג זיך צו פארטראכטען אי־בער זייער שייכות צו די פעלקער און זייער נאָכדענקען האָט זיי

געפיהרט צו רעזולטאטען וואָס וואָלטען פארבלייבען דער אייגענטום פון זייער גייסט און טעמפעראמענט אפילו ווען דער אנטיסעמיטיזם וואָלט אין גאנצען פון דער וועלט אָפּגעשאפען געוואָרען.

אָט דער ציוניזם וואָס איז אויבען אנאליזירט געוואָרען איז דער ציוניזם פון די געבילדעטע און פרייע אידען. די אונגעבילדעטע מאסע, וואָס האָט ליעב איהר אלטע טראדיציאָן, איז ציוניסטיש ניט נאָכדיינקענדיג א סך, דורך געפיהל, דורך אינסטינקט, דורך קוועלען זיך און בייזקעניש. זי ליידט צו פיעל פון'ם נויט פון לעבען, פון'ם פעלקער האַס, פון געזעצליכע באגרענצונגען און געזעלשאפטליכע אויסשליסונגען. זי פיהלט אז זי קאָן ניט האָפען אויף א דויערהאפטע פערבעסערונג פון איהר לאגע, אזוי לאנג ווי זי וועט מוזען לעבען אלס א שוואכע מינאריטעט צווישען אונפריינדליכע מעהרהייטען. זי וויל זיין א פאָלק, ווערען ווידער יונג דורך די אינטימער בעריהרונג מיט דער מוטער ערד, און וויל ווערען א בעל הבית'טע פון איהרע אייגענע אנגעלעגענהייטען. אָט די ציוניסטישע מאסע איז טיילווייז ניט גאנץ פריי פון מיסטישע טענדענצען. זי שמעלצט דעם ציוניזם צוזאמען מיט משיח האָפנונגען און מישט אין איהם אריין רעליגיעזע געפיהלען. עס איז איהר קלאָר וואָס איז נוגע דעם ציעל פון דעם ציוניזם, די נאציאָנאלע ווידערפעראייניגונג די מיטלען, אָבער, זיינען איהר ניט קלאָר. דאָך האָט שוין די מאסע אויך בעגריפען די נויטווענדיגקייט פון אייגענע אנשטרענגונג, און עס איז שוין דאָ א גרויסער אונטערשיעד צווישען איהר אקטיווען גרייט זיין פאר אָרגאניזאציאָן און אָפּפערוויליגקייט און די פאסיוויטעט פון דעם ריין רעליגיעזען משיח-גלויבען.

3.

דער נייער אָדער פאָליטישער ציוניזם האָט געהאט איינצעלנע פאָרלויפער וואָס זיינען צוערשט אויפגעטרעטען אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט. א דייטשער איד, וואָס האָט אפילו ניט געהאט דעם מוטה ארויפצושטעלען זיין נאָמען אויפ'ן פאָדער בלאט

פון זיין בוך, האָט פאַרגעשלאָגען אין מיטען פון די פערציגער יאָה־רען אז אידען זאָלען זיך ערוואַרבען און באַזעצען פאַלעסטינא. איינינע נעגאטיווע קריטיקען וואָס זיינען אויסגעאיבט געוואָרען מיט רוגזה אין די דאַמאָלסדיגע אידישע צייטונגען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין גאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון דעם רעפאָרם און אסימילאַציאָנס־געדאַנקען, — זיינען געווען דער איינציגער רעזול־טאַט פון דעם פאַרשלאַג. מעהר אויפמערקזאמקייט האָט שוין גע־צויגען אויף זיך דאָס בוך „רוים און ירושלים" פון משה העסס, אַ נביאות בוך וואָס איז ערשינען אין די זעכציגער יאָהרען, וואָס האָט צום ערשטען מאָל פּראָקלאַמירט דעם אידישען נאַציאָנאַליזם אין מיטען פון די עמאַנציפּאַציאָן און פערברידערונג שכרות, און וואָס האָט ערוועקט אַנ'אמת'ן שטורם פון צאָרן צווישען די דייט־שע אידען, — אויף וויפיעל זיי האָבען איבערהויפּט זיך ערלויבט עס צו לעזער — וואָס זיינען געווען פער'שכורט מיט זייער יונגע גלייכבערעכטיגונג. וועלכער אידישער נביא האָט ניט ערוועקט דעם צאָרן פון זיין פאָלק!

אין אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען האָבען געשעהען אין מזרח אייראָפּא געוויסע פּאסירונגען, וואָס האָבען אויף אַ ברוטאַ־לען אופן אויפגעוועקט די אידען פון זייערע הונדערטיעהריגע אילו־זיאָנען און האָבען זיי ווידער געבראַכט צום בעוואוסטזיין פון דער ווירקליכקייט. דער רוסישער איד, דר. פינסקער, האָט דאַמאָלסט געשריבען אַ ביכעל „אויטאעמאַנציפּאַציאָן", וואו ער שטעלט שוין אָן די סטרונעס פון דעם פּאָליטישען ציוניזם און שפּילט שוין פאר זייגע מאָטיווען, אָבער וואו ער ענטוויקעלט זיי נאָך ניט סימפּאַניש. יעדענפאַלס דאָרטען געפינט מען שוין די הויפּט מאָמענטען: די אידען זיינען ניט בלויז אַ רעליגיעזע קערפּערשאַפט, זיי זיינען אַ פאָלק. זיי ווילען ווידער לעבען ווי אַ פּעראייניגטעס פאָלק אויף אַנ'אייגען לאַנד. זייער ווידער־אויפלעבען מוז געשעהען צו גלייכער צייט סיי אין דעם עקאָנאָמישען, סיי אין דעם פיזישען, גייסטיגען, און מאָראַלען זין.

די רוסיש אידישע יוגענד פון דער גימנאַזיע און דער אוני־

ווערזיטעט זיינען געוואָרען שטארק בעגייסטערט פון פינסקערס אויספיהרונגען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו גרינדען אידיש נאצי־יאָנאל פעראיינען. אייניגע סטודענטען, וועלכע האָבען בעזוכט אויסלענדישע אוניווערזיטעטען, זיינען געוואָרען אין דער נייער סביבה די נביאים פון דעם פינסקער געדאנק און האָבען פאר דעם געפונען דאָ און דאָרטען, איבערהויפט אין וויען, א שטימונג צווי־שען דעם יונגען דור. אנדערע האָבען געגעבען משפט הבכורה צו מעשים ווי צו ווערטער, האָבען געוואָרפען זייער שטודיום אָן א זייט און האָבען אויסגעוואנדערט נאָך פאַלעסטינא, כדי דאָרטען צו ווערען אקערבויער, אידישע אקערבויער, אויף'ן היסטאָריש אי־דישען באָדען. ערגריפען פון אָט דעם אידעאליזם פון א גרופע אויסערוועהלטע וואָס זיינען געווען בעגייסטערט צו ווערען, האָבען זיך אויך קיהלערע אידען אין רוסלאנד און דייטשלאַנד צוזאמענ־גענומען אין פעראיינען, כדי צו אונטערשטיצען פון דער ווייטענס די קאָלאָניזירונג פון פאַלעסטינא דורך אידישע פיאָנערען. דאָס איז געשעהען אָהן אנאייניהייטליכען פלאן און אָהן א קלאָרען בעגריף פון דעם ציעל און די וועגען. די פעראיינען האָבען ניט פערשטאנען אַז זיי האָבען געפיהלט און געהאנדעלט ציוניסטיש. זיי האָבען ניט געזעהען דעם צוזאמענהאנג צווישען די קאָלאָניזרונג פון פאַ־לעסטינא דורך אידען און די צוקונפט פון דעם גאנצען אידישען פאָלק. עס איז געווען ביי זיי מעהר א אינסטינקטיווער געפיהל, וואו עס האָבען זיך ארייגעגאָסען אלערליי מעגליכע דונקעלע סענטימענטען: פרומקייט, ארכעלאָגיש־היסטאָרישע סענטימענטאַ־ליטעט, צדקה געפיהל, יחוס שטאָלץ. יעדענפאלס, די גייסטער זיינען געווען צוגעגרייט, עס האָט געשוועבט שטימונג אין די לופט, דאָס יודענטום איז געווען צייטיג פאר א נייע ווענדונג.

ווי אלע מאָל אין אזעלכע געשיכטליכע מאָמענטען איז איצט אויך ערשינען דער מאן וועלכער איז געווען בכח קלאָר צו ער־גרייפען דעם געדאנק וואָס פיעל האָבען ניט קלאָר געפיהלט, און הויך ארויסצוזאָגען דאָס וואָרט וואָס פיעל האָבען אויף דעם גע־וואָרט. אָט דער מאן איז געווען דר. טהעאָדאָר הערצל. ער האָט

פערעפענטליכט אין הערבסט פון 1896 א ביכעל „דער יודענ־שטאאט“, וואו ער האט ארויסגעזאגט די פאקטען מיט א קלארקייט און בעשטימטהייט וואס זיינען ניט געהערט געווארען ביז דא־מאלסט: אז די אידען זיינען א פאלק, אז זיי פאדערן פאר זיך אלע רעכטע פון א פאלק און זיי ווילען זיך באזעצען אויף א לאנד, וואו זיי זאלען קענען פיהרען א פרייעם און פאלשטענדיגעם פא־ליטישעם לעבען.

„דער יודענשטאאט“ איז געווארען דער ווירקליכער אויסגאנגס־פונקט פון'ם פאליטישען ציוניזם. דער אויסגאנגספונקט, ניט דער פראגראם. הערצל'ס בוך איז נאך די סוביעקטיווע ארבייט פון אנ־איינצעלנעם, וואס רעדט אין זיין אייגענעם נאמען. פיעל איינצעל־הייטען דארטען זיינען ליטעראטור. עס איז ניט לייכט צו ציהען איבעראל א שארפע ליניע צווישען דעם ניכטערן ערנסט פון דעם סאציאל־פאליטיקער און די פאנטאזיע פון דעם פראפעטישען דיכ־טער. דער פראגראם גופא האט געמוזט ווערען א קאלעקטיווע ארבייט, וואס איז טאקע באזירט אויף הערצל'ס בוך, וואס איז בעגייסטערט דורך הערצל'ס וויזיאנען, אבער וואס האט אפגעזונ־דערט אלע פאנטאסטישע איינצעלהייטען און האט זיך אויפגעבויט פון עלעמענטען פון דער ווירקליכקייט.

הערצלס בוך איז באלד בעגריסט געווארען פון צעהנדליגע טויזענדער אידען, איבערהויפט פון דער יוגענד, ווי די גאולה אליין. און עס איז ניט געבליבען בלויז אויפ'ן פאפיר, נאר עס איז אי־בערזעצט געווארען אין פראקטישע שאפונג. איבעראל זיינען ארויס געשפרונגען נייע פעראיינען, ניט מעהר צוליעב א לאנגזאמע קליי־נע קאלאניזירונג פון פאלעסטינא דורך ארייגעגנבעטע אידישע גרופען, נאר צוליעב די צוגרייטונג פאר א אידישע מאסענאייננוואנ־דערונג אין די הייליגע לאנד אויף דעם יסוד פון א פארמאלען קאנטראקט מיט דער טערקישער רעגירונג, וועלכער זאל זיין גא־ראנטירט פון די גרויסע מלוכות און וועלכער זאל געבען די איינ־וואנדערער אין דאס לאנד דאס רעכט פון זעלבסט הערשונג.

דער פאליטישער ציוניזם אנערקענט קודם כל אז עס עקזיסטירט

א אידיש פאָלק. גראדע דאָס לייקנען די אַסימילאַציאָנס אידען און די כלי קודש וואָס הייננען אָפּ פון זיי. דר. הערצל האָט פערשטאַנען אז די ערשטע אויפגאבע, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך, איז די אָרגאַניזירונג פון א מאניפעסטאציע וואָס זאָל צייגען די וועלט און דעם אידישען פאָלק גופא, אין א מאָדערנע, ממשות'דיגע פאָרמע, דעם פאקט פון זיין נאציאָנאַלע עקזיסטענץ. ער האָט פאַררופען א ציוניסטישען קאָנגרעס וואָס האָט, שטאַטגעפונדען אויף להכעיס די שטורמדיגסטע געגנערשאפט און אונעהרליכסטע האנדלונגען צום ערשטען מאָל, אין אויגוסט 1897 אין באזעל און איז בעשטאַנען פון 204 פערטרעטער פון די ציוניסטיש געשטימטע אידען פוןביידע וועלטען.

דער ערשטער ציוניסטען קאָנגרעס האָט פייערליך פראָקלאַמירט פאר די גאנצע אינטערעסירטע וועלט אז די אידען זיינען א פאָלק און אז זיי ווילען ניט פארשלונגען ווערען צווישען אנדערע פעלקער. ער האָט זיך אונטערגענומען צו ארבייטען פאר דער בעפרייאונג פון דעם טייל פון דעם אידישען פאָלק וואָס לעבט פאַרשמאכט, אָהן רעכט, און אין אונפערדינטען עלענד, און איהם צו בערייטען א העלערע צוקונפט. ער האָט צוזאמענגעפאסט זיינע שטרעבונגען אין א פראָגראם וואָס איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג און מיט העכסטער בעגייסטערונג, און לויטעט ווי פאָלגט:

„דער ציוניזם שטרעבט צו שאפען פאר דעם אידישען פאָלק אַן עפענטליך רעכטליך געזיכערטע היים אין פאלעסטינא.

„כדי צו דערגרייכען אָט דעם ציעל נעמט דער קאָנגרעס אָן די ווייטערהדיגע מיטלען:

א. די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון ישוב ארץ ישראל מיט אידישע אקערבויער, ארבייטער, און אינדוסטריעלע קרעפטען אויף אַן אופן וואָס זאָל דינען דעם צוועק.

ב. די פעראייניגונג פון דעם גאנצען אידישען פאָלק דורך פאסענדע לאָקאלע און אלגעמיינע אינסטיטוציאָנען, לויט נאָך די געזעצען פון יעדעם לאנד.

ג. די פערשטארקונג פון דעם אידישען זעלבסטגעפיהל און

פּאָלקס בעוואוסטזיין.

ד. פּאַרבערייטונגען צו בעקומען רעגיערונגסצושטימונגען, וועלכע זיינען נויטיג כדי צו דערגרייכען דעם ציוניסטישען ציעל".

4.

דער ערשטער קאָנגרעס איז ניט פאָנאדערגעגאנגען ביז וואַנען ער האָט געשאפען א דויערהאַפטע אָרגאניזאציאָן. ער האָט אויסגעקליבען א „גרויסע אקציאָנס־קאָמיטעט", וואו אלע לענדער וואָס האבען א שטארקע אידישע בעפעלקערונג זייגען פערטראָטען, און וואָס האָט פון זיין זייט ערוועהלט אנאיינגערען פערמאנענטע קאָמיסיאָן וואָס זאָל זיטצען אין וויען און זיין אונטער די פּרעזידענטשאפט פון הערצל. דעם קאָנגרעס האבען נאָכגעפאָלגט דריי אנדערע קאָנגרעסען אין די וויטערדיגע דריי יאָהר 1898 און 1899 ווידער באזעל און אין 1900 אין לאָנדאָן. די צאָהל פון די מיטגלידער האָט געשטיגען אין 1898 ביז 280, אין 1899 ביז 370, און אין 1900 ביז 420.

אויף יעדען וויטערדיגען קאָנגרעס זיינען די וואהלגעזעצען אלץ שטריינגער אויסגעפיהרט געוואָרען, און די מאנדאטען שאפער געפרופט געוואָרען און איצט קאָן דער קאָנגרעס, וועלכער איז געוואָרען א דויערהאפטער אינסטיטוציאָן פון דער ציוניסטישען יורדענשאפט, און וואָס האָט זיך שוין נאָך איין מאָל פערזאמעלט אין באזעל, מיט רעכט בעהויפּטען צו זיין דער אמת'ער פערטרעטער פון זיינע הונדערט אכציג טויזענד וועהלער.

אויב מען וויל וויסען וואָס די אידישע פערטרעטער אויף דעם קאָנגרעס האָבען ביז איצט געטהאָן פאר דער פערווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען פּראָגראם וואָס איז געשאפען געוואָרען אויפ'ן ערשטען קאָנגרעס, זאָל מען האלטען די וויטערדיגע פאקטען פאר די אויגען:

א. „די וויטערדיגע ענטוויקלונג פון ישוב ארץ ישראל מיט אידישע אקערבויער, ארבייטער, און אינדוסטריעלע קרעפטען אויף אנ'אופן וואָס זאָל דינען דעם צוועק".

דער ציוניזם ענטדעקט זיך פּרינציפּיעל צו ארבייטען פאר

קליין קאָלאָניזאַציאָן און דאָס אריינגנבענען זיך אין פּאַלעסטינא. די ציוניסטען האָבען זיך דעריבער בעשריינקט ביז איצט נאָר אויף די מאַטריעלע אָדער מאָראַלע אונטערשטיצונג פון די אידישע קאָלאָניען וואָס עקזיסטירען שוין איצט אין פּאַלעסטינא און אנדערע אינסטיטוציאָנען וואָס געפינען זיך דאָרטען. אָבער זיי וואַרטען הויפּטזעכליך ביז די בעזעצונג פון פּאַלעסטינא וועט ווערען מעגליך אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב.

ב. די פעראייניגונג פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק דורך פּאַסענדע לאָקאַלע און אלגעמיינע אינסטיטוציאָנען, לויט נאָך די געזעצע פון יעדעם לאַנד".

לאָקאַל איז די ציוניסטישע יודענשאַפט איצט אָרגאַניזירט אין אונגעפעהר 600 פעראיינען, וואָס ווייזען ארויס זעהר אַ לעבהאַפטע טעטיגקייט. פון אלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנען, די וואָס נעמען ארום דאָס גאַנצע יודענטום, בעזיצט דעם ציוניזם די לאַנדסמאַנשאַפטען פון די איינצעלנע פעראיינען, די גרויסע און די ענגערע אקציאָנס־קאָמיטע און דעם קאָנגרעס, וואָס האַלט אוים אַ שטענדיגעם סעקרעטאַריאַט אין וויען. די קאָסטען פאַר אָט דעם אַפּאַראַט ווערען געדעקט פון די ציוניסטישע אידען דורך אַ פרייוויליגע יעהרליכע אבצאָהלונג, וואָס רופט זיך, נאָך די אַלטע אידישע מטבע „שקל" און וואָס קאָסט אין רוסלאַנד 40 קאָפּיקעס, און אין די מערב לענדער אן עהנליכע מטבע (1 פראַנק, 1 מאַרק, 1 שילינג, 25 ס. א. ז. וו.). די בעצאָהלונג פון דעם שקל גיט האָס וואָהלרעכט פאַר דעם קאָנגרעס. דער ציוניזם בעזיצט אַן אָפיציעלען וועכענטליכען אָרגאַן אין דייטש „די וועלט". זיינע געדאַנקען ווערען אָבער פערטראָטען דורך אונגעפעהר פערציג צייטשריפטען אין העברעאיש, דייטש, רוסיש, פּויליש, איטאַליעניש, ענגליש, פראַנצויזיש, רומעניש, אידיש־דייטש און אידיש־שפּאַניש. ער האָט געגרינדעט זעהר פיעל שולען און אנדערע בילדונגס אנשטאַלטען, און האָט אָנגעהויבען אין דער לעצטער צייט זיך צו ערוואָבערן אַ פּלאַץ אין די אידישע געמיינדע פערוואַלטונגען, כדי צוצואווענדען די מיטלען פון די געמיינדען פאַר צוועקען פון נאַציאָנאַל־אידישע לעהרע, ערציהונג,

און קולטור, מעהר ווי עס איז געשעהען ביז איצט אונטער די פיהרונג פון אנטי־נאַציאָנאַלע אָדער גערֿאַנקענלאָזע פערזאָנען.

ג. „די פערשטאַרקונג פון דעם אידישען זעלבסטגעפיהל און זעלבסטבעוואוסטזיין”.

די ציוניסטישע פעראייגען זאָרגען איבעראל דערפאר אז זייערע חברים און די אידישע מאסע איבערהויפט זאָלען בעקאַנט ווערען מיט דער געשיכטע פון זייער פאָלק און מיט די אלטע און די נייע העברייאישע ליטעראַטור. זיי לערנען דעם אידען אויפצוהייבען זיין קאָפ, שטאָלץ צו זיין מיט זיין אָבשטאמונג, און צו פעראכטען די אנטיסעמיטישע ליגען, רכילות, און זידלערייען. זיי זאָרגען, ווי ווייט מעגליך, פאר די פערבעסערונג פון דער היגיענישע צושטענדע פון דעם אידישען פראָלעטאריאט, פאר די עקאָנאָמישע אויפהויבונג פון זיין לאגע דורך די מיטעל פון אחדות און סאלידאריטעט, פאר די צוועקמעסיגע קינדערערציהונג און פרויענבילדונג. זיי גיבען די שטודירענדע יוגענד א ציעל נאָך וועלכען צו שטרעבען און א לעבענס אידעאל. זיי פריידיגען די פפליכט פון א מוסטערהאפט, גייסטיגע אויפפיהרונג, די אָבקעהרונג פון רויהען מאטעריאליזם, אין וועלכען די אסימילאציאָנס אידען פערזינקען זעהר לייכט, ווייל עס פעהלט זיי א בכבוד׳יגען לעבענסאידעאל; און זיי פריידיגען אויך א שטרענגע זעלבסט־קאָנטראָלע אין וואָרט און טהאט. זיי גרינדען גימנאסטיק פעראיינען כדי צו פערבעסערען די פערנאכלעסיגטע קערפערליכע ענטוויקלונג. זיי גיבען א נייעם אימפולס צו דעם פייערן פון די אידישע היסטאָרישע און אנדענקונגס ימים טובים. דער ציוניסט בעטראכט עס אלס א שאנדע צו בעהאלטען זיין נאציאָנאליטעט. ער וויל ערקענט ווערען אלס איד; און אזוי ווי ער איז נאטירליך אין זיינע האנדלונגען, שפיעלט ניט קיין נאָכאהמונגס קאָמעדיע, ווייל קיינעם ניט אָפּנארען אין וואָס געהערט זיך אָן זיין אָפּשטאמונג און זיין איך, שטופט זיך צו קיינעם ניט אונטער א פאלשע פארב, זיינען זיינע בעציהונגען צו זיינע קריסטליכע שכנים און לאנדסלייט, גערונדער, אמת׳ער, און מעהר אויפריכטיג און ווירדיג ווי פון די אסימילאַציאָנס אידען, וואָס שטרייבען אָן אלע

זייערע קרעפטען צו בעהאלטען זייער יודענטום, מייסטענטיילס אהן ערפאלג און אהן דעם געוויגשטען כבוד פון דעם עהרליכען קריסט.

ד. „פארבערייטונגען צו בעקומען די צושטימונגען פון די פערשיעדענע מלוכות, וואס זיינען נויטיג כדי צו דערגרייכען דעם ציוניסטישען ציעל".

איינינע גייסטיגע רעגיערונגען זיינען שוין בעקאנט געמאכט געווארען דורך מעמאראנדומס מיט די ציעלען פון דעם ציוניזם. און עס האט ניט געפעהלט זעהר וויכטיגע אויפמונטערונגען און אויסדריקע פון סימפאטיע מיט די שטרעבונגען פון דעם ציוניזם.

אויף דעם מאמענט בעמיהט זיך דער אקציאנס קאמיטעט צו בעקומען פון דער טערקיי א טשארטער צו באזעצען לענדערייען פון פאלעסטינא וואס זיינען איצט וויסט אבער וואס קענען לייכט אויסגענוצט ווערען, און צו עפענען די קוועלען פון דעם לאנד. אזא טשארטער קאן ניט אויסגענוצט ווערען אהן גרויסע געלדמיטלען. כדי צו זיין בעוואפענט פינאנציעל פאר דעם אויגענבליק ווען די טערקיי וועט געבען דעם טשארטער האט דער צווייטער ציוניסטען־קאנגרעס (1898) בעשלאסען צו גרינדען א נאציאנאל־אידישען באנק אינסטיטוט". דער אידישער קאלאניאל באנק" וואס זיין פלאץ זאל זיין אין לאנדאן. דער בעשלוס איז אויסגעפיהרט גע־ווארען דעם קומענדיגען יאהר (1899). די באנק איז געשאפען. איהר אקציענקאפיטאל בעטרעפט צוויי מיליאן פונד שטערלינג (צעהן מיליאן דאלאר). לויט נאך איהרע סטאטוטען קאן זי אנ־הויבען איהר טהעטיגקייט נאר ווען עס וועלען ווערען איינגעצאהלט איין אכטעל פון אקציענקאפיטאל, צוויי הונדערט און פופציג טוי־זענד פונט שטערלינג. דיעזער ציעל איז שוין איצט דערגרייכט געווארען.

איין אנדער פינאנץ ווערקצייג פון דעם ציוניזם איז דער נ א צ י א נ א ל פ א נ ד וואס איז געשאפען געווארען אויפ'ן פינפטען קאנגרעס (1901) וואס דארף צוזאמענגעשטעלט ווערען פון פרייוויליגע נדבות און וואס דארף בעטרעפען צוויי הונדערט טויזענד פונט סטערלינג. די העלפט פון אט די סומע זאל פערוועג־

דעט ווערען אויף צו קויפען לאנד אין פאלעסטינא, און די אנדערע העלפט זאל אלע מאל בלייבען א רעזערוו פאנד אלס אייגענטום פון דעם גאנצען אידישען פאלק, זאל זיך פארגרעסערען דורך די פראצענטען און די וויטערדיגע נדבות, און זאל דינען, דורך זייגע צינזען, גרויסע פאלקסצוועקען אין בעדייטענדע מאמענטען.

5.

איך האב זיך בעמיהט צו ווייזען, אזוי קורץ און אביעקטיוו ווי מעגליך, וואס דער ציוניזם איז, וואס ער וויל, פון וואנעט ער איז געקומען, און ווי אזוי ער האט זיך ביז איצט ענטוויקעלט. איך האב אויך דערמאנט איינינע מאל אז ער האט געפונען צווישען די אידען גופא זעהר ערביטערטע געגנער. צו פאלעמיזירען מיט זיי בעטראכט איך ניט די אויפגאבע פון אט דעם ניט-ליידענשאפט־ליכען רעפעראט. אזא סארט פאלעמיק וואלט זיין אונפרוכטבאר און געשמאקלאז פאר לעזער וואס ווילען זיך בלויז אריענטירען אין דער פראגע. איך וויל, דעריבער, בלויז איינינע פארבייגעהענדע בעמערקונגען שיינקען די געגנער פון דעם ציוניזם.

פיעל פון זיי בעשריינקען זיך אויף דערויף צו פערלוימדען און בעשמוצען די פיהרער פון'ם ציוניזם. אזא סארט געגנערשאפט קען נאר פעראכטעט ווערען פון די פערלוימדעטע. געגנער, וועל־כע קעמפפען מיט אזעלכע כלי זין, שטעהען מאראליש אזוי טיעף אונטער די לעצטע דערמאנטע, אז זיי קענען גאר ניט בעמערקט ווערען פון זיי. מענשען וועלכע ברייננען די גרעסטע קרבנות פון געלד, צייט, קראפט און געזונד, כדי צו פערבעסערען די לאגע פון זייער פאלק און כדי צו בעפרייען מיליאנען מענשען, וואס ווערען אונשולדיג פערפאלגט, פון ביטערסטען עלענד, וועלכע ערווארטען ניט פאר זיך דעם קלענסטען נוצען, נאר זיי טהוען דאס צוליעב זייער ריינסטע, אונעגאיסטישע ליעבע צו זייער אונגליקליכע ברי־דער, צוליעב דעם יראת הכבוד פאר זייערע אבות אין קבר, צו־ליעב אלגעמיינע מענשענפריינדליכקייט, — אזעלכע מענשען האַ־בען דאס רעכט צו שמייכלען און זיך מאכען ניט וויסענדיג, ווען אונפעראנטווארטליכע פאנאטיקער אדער לוינ־שרייבער וואס פער־

דינען רחמנות מאכען זיי פאָרווירפע וועגען עגאיזם און זעלבסט־פערנארטהייט.

נעבען אָט די געגנער פון צווייטען גראד, זיינען אויך דאָ אזעלכע, וואָס טראכטען ניט בלויז אוים ליגענס אָדער טרייבען רכילות, נאָר זיי פרובירען אויך צו ארגומענטירען. זיי פערגלייכען גערן דעם נביא פון דעם ציוניזם מיט די פאלשע משיחים, אזא סאָרט ווי דער בעריהמטער שבתי צבי, למשל, איז געווען, וואָס זיינען ערשינען אין דער אידישער געשיכטע צו אָפט, און וואָס האָבען אלע מאָל געבראכט די גרעסטע אונגליקען פאר'ן אידישען פאָלק, וועלכעס איז פערנארט געוואָרען דורך זיי. צו פערגלייכען דעם ציוניזם מיט די שווערמערייען אָדער בעטריגונגען פון די פאלשע משיחים, הייסט שלעכט צו פערשטעהען אָדער שלעכט צו גלויבען. דער ציוניזם איז כאראקטעריזירט גראדע דורך דעם וואָס עס פעהלט איהם אירגענד וועלכע מיסטישער עלעמענט. ער זאָגט זיינע אנהייגער ניט צו קיין וואונדער, נאָר ער ווידערהאָלט אלע מאָל אז זייער בעפרייאונג פון זייער אונערטרעגליכע לאגע ליעגט אין זייער איינענע ארבייט, קאָן נאָר זיין די פרוכט פון א לאנגע, שווערע, אלגעמיינע אנשטרענגונג.

מען רופט אָן דעם ציוניזם א חלום און מען לייקענט אז זיין פראקטישע פערווירקליכונג איז מעגליך. אויף די ארגומענטען פון אָט דער קאטעגאָריע איז שוין הונדערט מאָל איבערצייגענד געענטפערט געוואָרען. אָט די איינפאך נעגאטיווע קריטיק קאָן מען איינפאך צורוה לאָזען. דער איינציגער ריכטיגער ענטפער אויף דעם איז טהאטען, ווי דער ציוניזם האָט שוין געטאָן און רעכענט ווייטער צו טהאָן.

דער איינציגער פונקט, וועלכער קען וואהרשיינליך אויף איימער אויסשליסען א פערשטענדניס צווישען די ציוניסטען און ניט־ציונסטישע אידען, איז די פראגע פון דער אידישער נאציאָנאליטעט. דער וואָס בעהויפטעט און גלויבט אז די אידען זיינען ניט קיין פאָלק, דער קאָן באמת ניט זיין קיין ציוניסט, דער קאָן זיך ניט אָנשליסען אָן א בעוועגונג, וועלכע איז נאָר בערעכטיגט, ווען זי וויל

שאפען נארמאלע בעדינגונגען פאר א פאלק וואס ליידט אונטער אונארמאלע לעבענס־בעדינגונגען. פערקעהרט דער וואס איז אי־בערצייגט אז די אידען זיינען א פאלק, דער מוז ווערען א ציוניסט, ווייל נאר דער אומקעהר אין אנ'אייגען לאנד קאן אויפהאלטען פון פיזישען און גייסטיגען אונטערגאנג דאס אידישע פאלק וואס איז אומעטום געהאסט און פערפאלגט און אונטערדריקט.

פיעל אידען, הויפטזעכליך אין דער וועסט, האבען אינערליך אין גאנצען געבראכען מיט דעם יודענטום, און זיי ווילען עס וואהר־שיינליך באלד טהאן אויך אויסערליך און אויב ניט זיי, זייערע קינ־דער אדער אייניקלעך. אט די אידען ווילען אין גאנצען פערשלונ־גען ווערען אין דער ארומיגער סביבה. זיי פיהלען עס אלס א שווערע שטערונג פאר זיי, וואס אנדערע אידען, זייערע שכנים, פראקלא־מירען הויך זייער נאציאנאליטעט און פאדערען א שארפע שיי־דונג צווישען זיך און די אנדערע פעלקער. זיי האבען שטארק מורא זיי זאלען ניט בעטראכט ווערען אלס פרעמדע אין זייער געבורטס־לאנד, וועמעס פרייע בירגער זיי זיינען. זיי האבען מורא אז מען וועט דאס טאן איצט מעהר ווי פריהער ווען א גרויסער טייל פון דעם אידישען פאלק פאדערט פאר זיך אפען דאס רעכט פון א בעזונדערעס פאלק, און נאך מעהר, ווען עס וועט נאך וואו עס איז ווירקליך אויפ־שפרינגען א פאליטישער און קולטורעלער צענטער פון'ם יודענטום, ארום וועלכען עס ווילען זיך גרופירען מיליאנען פון נאציאנאל גע־איינינגטע אידען.

אט די אלע געפיהלען פון די אסימילאציאנס אידען זיינען פערשטענדליך. זיי זיינען אויך בערעכטיגט פון זייער שטאנד־פונקט. אבער זיי האבען אויך קיין רעכט צו פאדערען אז דער ציוניזם זאל בעגעהן זעלבסטמארד צוליעב זיי. די אידען, וועלכע זיינען גליקליך און צופרידען אין זייער געבורטסלאנד און זיי ווייזען מיט כעס צוריק די פאדערונג עם אויפצוגעבען, זיינען אונגע־פעהר א זעקסטעל פון דעם אידישען פאלק, לאמיר זאגען צוויי מיליאן פון צוועלף. די איבעריגע פינף־זעקסטעל, צעהן מיליאן, פיהלען זיך זעהר אונגליקליך אין די פלעצער וואו זיי וואוינען און

זיי האָבען אַן אורזאכע דערצו. מען קען, דעריבער, ניט פאָדערן פון די צעהן מיליאָן אַז זיי זאָלען זיך תמיד צופאסען אַ פּאָזיציאָן צו זייער קנעכטשאפט. אַז זיי זאָלען אויפגעבען יעדעס שטרעבען אויסגעלייזט צו ווערען פון זייער נויט, בלויז כדי עס זאָל ניט געשטערט ווערען די בעקוועמליכקייט פון צוויי מיליאָן גליקליכע און צופרידענע אידען.

אגב זיינען אָבער די ציוניסטען פעסט איבערצייגט אַז דער פחד פון די אַסימילאַציאָנס אידען איז אונבעגרינדעט. די ווידער־פעראייניגונג פון דעם אידישען פאָלק אין פּאַלעסטינא וועט ניט האָבען אַט יענע פאָלגען, פאר וועלכע זיי האָבען מורא. אזוי באלד ווי עס ווערט אַ אידישע לאַנד, וועלען די אידען האָבען די וואהל אויסצוואוואַנדערן דאָרטען אָדער צו בלייבען אין זייער איצטיגע היימאט. פיעלע וועלען, אָהן ספק, בלייבען, און דערמיט וועלען זיי ווייזען אַז זיי האָבען ליעבער זייער געבורטסלאַנד ווי זייער פאָלק און זייער נאַציאָנאַלען באָדען. עס איז מעגליך, אַז די אַנטיסעמיטען וועלען דאמאָלסט אויך שליידערן אין פּנים דאָס שענדליכע און אונעהרליכע וואָרט „פרעמדע!” אָבער די אמת׳ע קריסטען צווישען זייערע לאַנדסלייט, די וועלכע דענקען און פיהלען לויט נאָך די תורה און די ביישפּיעלען פון דעם עוואַנגעליום, וועלען זיין איבערצייגט, אַז יענע אידען בעטראַכטען זיך ניט אין זייער געבורטסלאַנד ווי פרעמדע, און זיי וועלען ריכטיג אויס־טייטשען זייער פריוויליגען אויפגעבען פון אייגענע אידישע לאַנד און זייער צוגעבונדקייט צו זייער היימאטה און די קריסטליכע שכנים.

די ציוניסטען וויסען אַז זיי האָבען זיך אונטערגענומען אַן ארבייט פון אַן אונגעהייער גרויסע שוועריגקייט. מען האָט נאָך קיין מאָל ניט פּרובירט פרידליך איבערצוזעצען אין אַ קורצער צייט אויף אַנאַנדער באָדען מעהרערע מיליאָנען מענשען וואָס קומען פון פערשיעדענע לענדער. מען האָט נאָך קיין מאָל ניט פּרובירט צו פערוואַנדלען מיליאָנען פּראָלעטאַריער אָהן אַ בעשטימטע פּראָ־פעסיאָן און וואָס זיינען קערפּערליך זעהר אראָפּגעקומען אין אַקער־

בויער און בהמות ערציהער; מאכען שטעדטישע קרעמער און סוחרים, אגענטען און שטובמענשען, וואָס זיינען אָפּגעוואָהנט געוואָרען פון דער נאַטור, ווידער בעקאַנט מיט דעם אַקער און די מוטערליך־שפּייזענדע דאָרף ווירטשאַפט. עס וועט זיין נויטיג צוצוגעוועהנען די אידען פון די פערשיעדענע געבורטס־ערטער איינע צו די אַנדערע, זיי צו ערציהען פּראַקטיש פאַר נאַציאָנאַלע איינהייטליכקייט, און מנצח צו זיין דערביי די איבערמענשליכע הינדערניסע פון שפּראַך־פערשיעדענהייט, פון ניט גלייכע קולטורען, דענקגעוועהנהייטען, פּאָראורטהיילע, בייגונגען און אָפּנייגונגען, וועלכע וועלען מיטגעבראַכט ווערען פון זייערע געבורטס־פּלעצער און פרעמדע נאַציאָנען.

וואָס עס גיט די ציוניסטען מוטה אָנצוהויבען אָט די הערקולעס ארבייט, איז די איבערצייגונג, אַז זיי טוען אַ ניצליכע און נויטיגע ארבייט, אַן ארבייט פון ליעבע און מאָראַל, אַן ארבייט פון גערעכטיגקייט און קלוגקייט. זיי ווילען ראַטעווען מיליאָנען ברידער פון אונערטרעגליכע נויטה. זיי ווילען בעפרייען די פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען איצט כלומרשט, פון זייער אונאַנגענעהם געפיהלטע גענענוואַרט. זיי ווילען אַוועקנעהמען די אורזאַכע פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ערנידריגט די עפענטליכע מאָראַל און ברייגנגט ארויס די ערגסטע אינסטינקטען. זיי ווילען מאַכען פון די אידען, וואָס מען וואַרפט זיי איצט פאָר אַז זיי זיינען פּאַראַזיטען, פּראָדוקטיווע קרעפטען. זיי ווילען בעוואַסערען אַ לאַנד, וואָס איז היינט וויסט, מיט איהר שווייס, און בעארבייטען מיט זייערע הענד, ביז עס וועט ווידער ווערען אַ בליהענדער גאָרטען. אָט אַזוי וויל דער ציוניזם דיענען אויף אַ גלייכען מאַסשטאַב סיי די אונגליקליכע אידען און סיי די קריסטליכע פעלקער, סיי די ציוויליזאַציאָן און סיי די וועלט־עקאָנאָמיע; און אָט די דיענסטע, וואָס ער קאָן און וויל טהאָן, זיינען גרויס גענוג צו רעכטפערטיגען זיין האָפנונג, אַז אויך די קריסטליכע וועלט וועט זיי קענען אָפּשעצען און איהם אונטערשטיצען מיט איהר טהעטיגע סימפּאַטיע.

# דער ציוניזם און די ארבייטער

# דער ציוניזם און די ארבייטער

(א פאָרטראַג געהאַלטען אין אמסטערדאם 17טען אפריל 1899).

מיינע דאמען, מיינע העררן!

עס טרעפט אונז אָפט, אז נייגיעריגע מענשען, מייסטענס קריסטען, פרעגען אונז: „וואָס וויל דער ציוניזם?“ מיר ענטפערן: „דער ציוניזם וויל שאפען פאר יענע אידען וואָס זיינען צושפרייט אין ביידע וועלטען, וואָס זיינען פערשיעדען פון זייערע לאנד־גע־נאָסען אין זייער אמונה און אין זייערע מנהגים, א געזעצליך גע־זיכערטע היים אין פאַלעסטינא, וואו זיי זאָלען זיך קענען ענטוויק־לען לויט נאָך זייערע אינדיווידועלע און נאציאָנאלע אייגענ־שאפטען“. מיר זעהען דאמאלסט אפט, ווי דער פרעגער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און ענטפערט: „איהר ווערט פערלייקענט דורך דעם אָפיציעלען יודענטהום, פון די רבנים און די פאָרשטעהער פון די קהלות. איהר ווערט בעקעמפפט פון די רייכע, פון די אידען וואָס ווערען אנגעזעהען אין דער געזעלשאפט. אפילו צווישען די אָרימע אידען זעהען מיר נאָך ניט אז איהר זאָלט האָבען אזא גרויסע אנ־היינגערשאפט. וואו זיינען אלזא די ציוניסטישע אידען? פאר וועלכע אידען ארבייט איהר אייגענטליך?“

פאר וועלכע אידען ארבייטען מיר אייגענטליך. דאָס איז א פראגע, וואָס מיר שטעלען זיך גופא אין מינוטען פון ספקות און פעסימיזם. מיר געפינען אָבער גלייך אן ענטפער, וואָס בערוהיגט און מוטהיגט אונז: מיר ארבייטען פאר אונז גופא. מיר האָבען א אידעאַל און מיר אנערקענען שטאָלץ אז ער איז אונזערער. מיר האָבען א לעבענסציעל און מיר שטרעבען צו איהם מיט האָפנונג. מיר האָבען געבראָכען מיט דער טראדיציאָנעלע פאסיווע שטעלונג פון אונזער פאָלק און מיר האָבען בעשלאָסען, אז מיר גופא זאָלען,

מיט די אנשטרענגונג פון אלע אונזערע כחות, שמידען אונזער אייגענעם מזל. דער רעזולטאט מעג זיין וואס ער וויל, מיר שפירען שוין איצט אין אונז די ברכה פון אונזער טהאט. מיר פיהלען, אז מיר ווענדען זיך אב פון דער נאכט און אז מיר געהען אויף דעם וועג פון ליכטיגקייט. דער מארגענשטערן פון דער צוקונפט שיינט שוין אויף אונז. מיר האבען געוואונען אכטונג פאר זיך גופא דורך דעם, וואס אונזער ווילען ווערט אלץ שטארקער זיך צו ערווערבען א מענשענווירדיגע עקזיסטענץ, און מיר געווינען דורך אט די זעלבסט־אכטונג, די קראפט און דאס רעכט, צו בעטראכטען מיט א שמייכעל אלס פשוט'ע נארישקייט די פעראכטונג פון אנדערע, אויב אזא זאך עקזיסטירט נאך גאר. אט דער שטאלץ, אט די מאראלישע בעפריעדיגונג, בנוגע אונז גופא, גיט אונז גייסטיגע שפייז, וועלכע אונזערע פערזענליכע שונאים און רכילות טרייבער קענען ניט געניסען און ניט בעגרייפען, — די שונאים, וועלכע זוכען אין זייערע אייגענע שקלאפען־נשמות די מעגליכע מאטיווען פון אונזער ארבייטען און וועלכע געפינען אז אונזערע מאטיווען זיינען ניט קיין ריינערע ווי, גאוה.

מיר ארבייטען, אלזא, קודם כל פאר אונז גופא. אבער דאך ניט פאר אונז — דאס הייסט פאר די קליינע הייפעלע פון ציוניסטען פון דער ערשטער שעה אליין: אויך ניט פאר די אידען וואס זיינען צו אונז צוגעשטאנען און זיינען אריינגעטרעטען אין די ציוניסטישע ארגאניזאציאן און צאהלען דאס פריוויליגע פאלקס־צינז, דעם שקל. מיר זיינען איבערציינט, אז מיר ארבייטען אויך פאר די שווייגענדע מיליאנען ברידער, די וואס בלייבען נאך גלייכגילטיג, אזוי ווי עס איז געוועהנליך דער פאל מיט די גרויסע מאסען, די וואס ווארטען נאך און וועלען זיך אנהויבען צו בעוועגען ערסט יעמאלט, ווען די לעבהאפטערע, די מעהר ענטשלאסענע וועלען האבען אויסגעטראטען דעם וועג און וועלען האבען געבויט די ערסטע איינלאדענדע סטאנציעס. אונזער בערעכטיגונג צו ריידען אין נאמען פון דעם גאנצען אידישען פאלק, אויסצוארבייטען צו־קונפטס פלענער און צוצוטרעטען צו די רעגירונגען מיט פאדערונגען, שעפען מיר פון דער היסטארישער און מאראלישער קראפט

פון אונזער רעיון, פון דאס פארמאלע רעכט פון די וועהלער צו די ציוניסטישע קאנגרעסען, און אפילו פון דעם שווייגען, וואס דאס הייסט א שטילע צושטימונג פון די מיליאנען אידען, וועלכע מען זוכט אויפצורייצען געגען אונז. אנצואווייזען אויף אונזער רעכט, דארפען מיר נאר בלויז געגען יענע, וואס פערלייקענען אונז און וואס טענה'ן, אז זייער פערלייקענונג איז די פערלייקענונג פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

קודם כל דארפען מיר בעטראכטען די פינאנציעלע גרויסע לייט פון אונזער פאלק און מיר האבען בעשלאסען, אז מיר גופא זאלען, עס זיינען אזעלכע דא, זיינען, אויב ניט אלע וועניגסטענס, מייסטענס געגען אונז. אדער זיי לאכען פון אונז פון זייערע געלדזעק אראב אדער זיי בענוצען זיך געגען אונז און אונזער בעוועגונג מיט אויסדריקע פון כעס.

אט די האלטונג פון די רייכע קען אונז נאטירליך ניט זיין גלייכגילטיג.

ערסטענס בערויבען זיי אונז פון די געלד מיטלען אויף וועלכער מיר האבען פון אנהויב פון אונזער שטרעבונג אונשולדיג גע־גלויבט אז מיר קענען רעכענען, און אהן אט די מיטלען, קען מען דאך ניט דורכפיהרען אין אונזערע צייטען א גרויסע, פריעדליכע, אווירטשאפטליכע און פאליטישע פאלקס־בעוועגונג. מיר וועלען אבער דאך געפינען די נויטיגע געלד־מיטלען טיילווייז ביי די מי־טעלערע און קלענערע מענשען פון אונזער פאלק און טיילווייז, אויב עס וועט זיין נויטיג, אין דער קריסטליכער וועלט, ווענען מיר וועלען זוכען צו איבערצייגען, אז זי וועט געפינען ביי אונז א זיכערע און איינטרעגליכע געלד אנלאגע און אז זי וועט צו דער זעלבער צייט העלפען אויספיהרען א אידעאלען צוועק.

מיר וואלטען עס בעסער געוואלט פערמיידען צו בעטען די קריסטען אום הילף און אונטערשטיצונג. מיר וועלען עס אבער טהאן, ווען די שנאה אדער גלייכגילטיגקייט פון די אידישע רייכע וועלען אונז צווינגען דערצו. מיר האבען דערצו גענוג ענטשולדי־גונגען פאר אונזער אייגענעם געוויסען — אגב וואלט געווען א פאלשע גאווה ניט אנצונעהמען די נויטיגע געלד פאר די ווידער־

בעלעבונג פון א לאַנד דורך די פליים און קראַפט פון אונזער פאָלק, פון יעדער האַנד וואָס וועט עס אונז אָנבאָטען אויף אַן אנשטענדיגען אופן. קיין פאָלק דיינקט ניט צופיעל צו מאַכען הלואות פון אַנ־דערע פעלקער, און איך זעה ניט איין פארוואָס דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין שטריינגער און מעהר אויסקלייבעריש, ווי די גרויסע און מעכטיגע רוסלאַנד, אָדער ווי די שטאָלצע נייע פעלקער פון אמע־ריקא און אויסטראַליען. אָבער אפילו ווען אונזער אייגענליעבע זאָל דורך דעם ליידען, נו וועלען מיר מוזען ליידען. וואו עס האַנ־דעלט זיך וועגען דאס בעסטען פון דעם אידישען פאָלק, האָבען מיר קיין רעכט ניט זיך איינצוהילען אין אונזער פערזענליכע גאוה. אונזער שאַנדע וועט פאַלען אויף דעם קאָפּ פון די רייכע, וואָס צו־ליעב זייער שולד וועלען מיר זיין אויסגעזעצט צום רויט ווערען.

אָבער אויך צוליעב אנאַנדער אורזאכע איז אונז ניט גלייכ־גילטיג די האַלטונג פון די אידישע מיליאָנערען. די מאַסגעבענדע קריסטליכע קרייזען, יענע — וואָס זייער מיינונג איז פאַר אונז וויכטיג, ווייסען גאָר ניט פון די אינערליכע פערהעלטניסע פון די אידען. די איינציגע אידען וועלכע זיי קענען און מיט וועלכע זיי פערקעהרען, זיינען די געלד־אידען. טיילווייז דרענגען זיך די לעצט דערמאָהנטע ארויף אויף די קריסטען, טיילווייז ציהען די קריסטליכע קרייזען צו זיך צו, צוליעב זייער אייגענע טובה. אין דעם אידישען מיליאָנער זעהט דער קריסט, אפילו דער פאַרנעמער קריסט, די בלום פון דעם אידישען פאָלק, די אידעאַלע פערקערפּע־רונג פון זיינע אידעאַלען. און ער מוז גלויבען, אז דאָס אידישע פאָלק גופא טיילט אָט די אנשויאונג, ווייל ער געפינט דעם אי־דישען מיליאָנער ניט נאָר אויף דער שפּיצע פון פערוואַלטונגסראַט פון באַנקען און אקציענגעזעלשאַפטען, נאָר אויך אויף דער שפּיצע פון די אידישע קהלות און אלע אידישע ארגאַניזאַציאָנען. די פרייע וואהל פון דעם אידישען פאָלק שיינט צו בעשטעטיגען די אויפפאסונג פון דעם קריסט, אז דער אידישער מיליאָנער, מיט וועלכען ער האָט געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, איז דער בערו־פענער פערטרעטער פון דעם אידישען פאָלק. דער דיפּלאָמאַט, דער אריסטאָקראַט, דער הויכער בעאַמטער, דער פּערפאַסער, וואָס

האַט געהערט פון דעם ציוניזם, פרעגט דעם אידישען מיליאָנער, מיט וועמען ער האַט אַ פּערזענליכען אומגאַנג: „וואָס איז אזוינס דער ציוניזם?“ און ער קריגט אלס ענטפער: אָדער א הויב מיט די פלייצעס, אָדער די אויסקונפט, וואָס ווערט איהם געגעבען מיט א שמייכעל אויף די ליפּען: „אַ נאַרעשקייט פון איניגע אבסקור־ראנטע שרייבערלעך, וועלכע ווילען מאַכען דעם עולם ריידען פון זיך, און פון איניגע רוסישע אידען וואָס זיינען ניט מעהר ווי פערדעקטע ניהיליסטען“. וואָס איז דאָס פאר א וואונדער אז דער פרעגער בענוגענט זיך מיט אָט דער אויפקלעהרונג, און זעהט אונז אין דיזעלבע ליכט אין וועלכע מען האָט אונז פאַרגעשטעלט! מען באַט אונז ניט אָפט אָן די געלעגענהייט צו פערבעסערען די געפעלשטע מיינונג, און עס איז נאַטירליך א גרויסע הינדערניס פאר אונזער בעוועגונג, הויפּטזעכליך אויף דעם אָנפאַנג פון איהר וועג, אז זי ווערט ניט ריכטיג בעגריפען פון דער קריסטליכער וועלט, וואָס איהר גוטע מיינונג איז זעהר וויכטיג פאר דער בעוועגונג און וואָס אויף איהר גוטע מיינונג וואָלט דער ציוניזם געוויס געקענט רעכענען, ווען די מאסגעבענדע קריסטליכע וועלט וואָלט געהאט בעסערע אויסקינפטע איבער איהם.

די שנאה פון די מייסטע גרויסע געלד־אידען שאדט אַלזאָ דעם ציוניזם דאָפּעלט: מאַטעריאליש, מיט דעם וואָס זי בערויבט איהם פון די געלד־מיטלען, אויף וועלכע ער האָט געגלויבט אז ער קאן רעכנען; מאָראַליש, מיט דעם וואָס זי ערוועקט די מיינונג אין דער קריסטליכער וועלט, אז דער ציוניזם קאן ניט זיין א אידישע פאָלקס־בעוועגונג וואָס קאן גענומען ווערען אין ערנסט, ווייל די פערטרעטער פון יודענטהום וואָס זיינען די איינציגע אנער־קענט פון דער רעגיערונג און פון דער געזעלשאפט, פערוואַרפען איהם מיט פעראַכטונג אָדער מיט צאָרן.

צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון די אידישע מיליאָנערען און זיי צו געווינען פאר אונזער זאַך, מוזען מיר אויף דעם מאָ־מענט אויפגעבען. מיר דארפען זעהען ווי מיר קענען זיך העלפען אָהן זייער געלד. פערקעהרט, אָבער, טאָרען מיר ניט אויפגעבען אויפצוקלערען די קריסטליכע וועלט, אז די אידישע מיליאָנערען זיי־

נען ניט די פערקערפערונג פון די אידישע אייגענשאפטען, ניט די
בערופענע פערטרעטער פון דעם אידישען פאלק, און אז דעריבער
בעווייזט עס גארניט געגען דעם ציוניזם, ווען זיי ווילען פון
איהם ניט וויסען.

די אידישע מיליאנערען — כדי ניט צו דארפען איבער'חזר'ן
עס פיעל מאל, בעטאן איך עס איינמאל פאר אלע מאל: איך
רייד פון זייער גרויסע מעהרהייט, פון דעם דורכשניט פון אט דעם
מין; איך ווייס אבער גאנץ גוט, אז עס זיינען דא צווישען זיי
א קליינע מינאריטעט פון אויסנאהמען וואס פערדיענען אכטונג
— די אידישע מיליאנערען האבען קיין רעכט צו ריידען אין דעם
נאמען פון דעם אידישען פאלק, ווייל זיי קענען איהם ניט און זיי
פיהלען ניט פאר איהם. זייערע ערקלערונגען וועגען דעם ציוניזם
זיינען ריין פערזענליכע מיינונגען, וואס דריקען אויס נאר זייערע
אייגענע געפיהלען און די געפיהלען פון זייער געזעלשאפטס־קלאס.
אז די אידישע מיליאנערען זיינען אבער ניט קיין ציוניסטען, אז
זיי זיינען שונאים פון דעם ציוניזם, איז פערשטענדליך. זייער
רייכטהום גיט זיי אלע בעפריעדיגונגען וואס קענען געשאפען ווע־
רען פאר געלד, און עס גיט היינט־צו־טאג ווייניג בעפריעדונגען,
וואס האבען ניט זייער מארק־פרייז. פארוואס זאלען זיי זיין ציו־
ניסטען? כדי צו פערבעסערען זייער מאטעריעלע לאגע? דאס
האבען זיי ניט נויטיג. כדי צו דינען א היסטארישען און מארא־
לישען אידעאל? זיי האבען ניט קיין אידעאל, און בלויז דאס
ווארט אידעאל ערוועקט שוין אין זיי אהייטערקייט אדער מיטלייד.
כדי צו ענטלויפען פון רדיפות און בזיונות? זיי ליידען ניט פון
דעם. פאר זיי עקזיסטירט דער אנטיסעמיטיזם אין אמת'ן ניט.
זיי געהערען צו דער פריוויליגירטער קלאסע. די רעגיערונג ציי־
בענט זיי אויס מיט ארדענס, אדעלס־טיטולען, מיט זיצען אין די
לארדס הייזער. זיי בעטראכטען זיך אלס מיטגליעדער פון דער
אריסטאקראטיע, און די אריסטאקראטיע איז ניט געגען דעם. פאר
דעם קריסטליכען אריסטאקראט איז דער אידישער מיליאנער א
פערמעגען, א ציפער אויף צוויי פיס, און פאר ציפערן האט יעדער
רעאליסט, אכטונג. אין געלד־זאכען הערט אויף די געמיטליכקייט;

אזוי ווי דער ראַסען־פּאַראורטייל. נאָך מעהר. דער קריסטליכער אַריסטאָקראַט געפינט, אויף להכעיס זיין פּרינציפּיעלען אַנטיסעמיטיזם, דעם אידישען מיליאָנער פון זיין סביבה גאַנץ נעט, און לאָזט איהם דאָס אָפּט פיהלען דורך אַן אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטישע בעהאַנדלונג. דאס קאן מען פּסיכאָלאָגיש לייכט ערקלערען. דער אַריסטאָקראַט שדכנט זיך צו אַ שטעלע אין פערוואַלטונגסראַט פון דער באַנק פון זיין אידישען פריינד און וויל געווינען די גוטגעפילטע האַנד פון זיין טאָכטער. צוליעב אַ נאַטירליכע בעדערפנים פון זעלבסט־אַכטונג רעדט ער זיך איבער, אַז דער מאַן, וועמעס געלד ער זוכט און נעמט אָן אויס פערשיעדענע אורזאַכען, איז אַן און פיר זיך, ניט נעהמענדיג זיין פערמעגען אין אַנבעטראַכט, אַ ווינשענסווערטהער חבר פאַר איהם. ווייל ער וואָלט זיך מוזען שעהמען פאַר זיך גופא, ווען ער זאָל זיך מוזען מודה זיין, אַז ער זעהט אין דעם גע'חנפ'עטען פּרעזידענט פון דער גרויסער באַנק און אין דעם פאָטער פון דער הייראַטס־פעהיגער יורש'טע פון מיליאָנען, נאָר דעם געלד־זאַק אין אַ סאַלאָן אויסגאַבע, און אַז ער ווידמעט איהם אין אמת'ען אַלע געפיהלען, מיט וועלכע זיין אַנטיסעמיטיש האַרץ איז פול. מען מוז שוין זיין אַ צעזאַר ווי וועספּאַסיאַנוס צו זאָגען: „עס איז ניט גענוג!“ אָט דער עגאָאיזם אויפ'ן גרויסען סטיל אין דעם געלד ליעבהאַבען, איז צו אימפּעראַטאָריש פאַר געוואוינליכע אַדעל־לייט. דער קריסטליכער אַריסטאָקראַט וואָס שטרעבט נאָך אידישעס געלד, האַלט עס פאַר זיין חוב צו זיך גופא און צו דער וועלט, צו רייניגען קודם כל אָט דאָס געלד דורך אַן אַכטונגס־באַד פאַר די גרויסע אידען.

איך בין דעריבער געניגט צו גלויבען, אַז די אידישע מיליאָנערען זיינען גאַנץ אויפריכטיג, ווען זיי זאָגען: „אַנטיסעמיטיזם? וואָס הייסט דאָס? דאָס עקזיסטירט דאָך גאָר ניט!“ דאס איז העכסט וואהרשיינליך אין פיעלע פאַלען ניט קיין געשפּילטע נאַאיוויטעט, נאָר אַן עכטע. זיי פיהלען ניט קיין אַנטיסעמיטיזם. ווען אַנדערע אידען פערזיכערן אַז זיי פיהלען יאָ דעם אַנטיסעמיטיזם, ווייסען זיי דאָך פון איין מיטעל, ווי פון איהם פּטור צו ווערען: די וואָס זיינען גע'רודפ'ט, דאַרפען נאָר ווערען מיליאָנערען

און באראַנעו, דאַן הערען די רדיפות באלד אויף. דאַס איז זייער לייזונג פון דער אידישער פראגע. איך מוז צוגעבען, אז אַט די לייזונג שיינט צו זיין אויפ'ן ערסטען בליק עלעגאנטער, אנגענעהמער און ווינשענסווערטהער ווי די ציוניסטישע. עס וועט אַבער אפשר ערשטוינען די אידישע מיליאַנערען ווען מען וועט זיי זאַגען, אז זייער לייזונג קאַן ערסטענס ניט גילטיג זיין ביי אַלע גע־רודפ'טע אידען; צווייטענס, אז זי קאַן אין אמת'ן ניט בריינגען צום געווינשטען ציעל.

ביז אהער האַב איך געזוכט צו ערקלעהרען פאר וואַס די מיליאַנערען זיינען ניט קיין ציוניסטען. עס בלייבט פאר מיר נאַך צו ערקלעהרען, פארוואַס פיעלע פון זיי זיינען ניט בלויז גלייכגילטיג געגען אונז, נאַר זיי זוכען אונז אויך צו רודפ'ן מיט אן אקטיווע שנאה. זיי פיהלען דונקעל אז מיר שטערען זייערע קרייזען, און אַט דאַס געפיהל, וואַס זיי גופא זיינען נאַך וואהרשיינליך ניט קלאַר בנוגע זיינע איינצעלנע קוועלען, האַט א גוטע בערעכטיגונג. דאס יודענטהום האַט געהאלטען ביי'ן אבשטארבען אין די מערב לענדער. געמישטע חתונות, טבילות, פריידיינקערשאפט האַבען דין געמאכט זיינע רייהען און מען האַט געקאַנט זעהען אין פאַראויס אונגעפעהר דעם צייטפונקט, ווען עס וואַלט זיך אין גאנצען האַבען אויפגעלייזט. דאס וואַלט נאַך אפילו ניט געהייסען דער באלדיגער טויט פון יודענטהום גופא, ווייל אין דעם מזרח שטארבט עס ניט אזוי לייכט אַב, און עס וואַלט נאַך אַלץ געווען א געפאהר אז דער פראַצעס פון אויפלייזונג וואַלט גע־שטערט געוואָרען דורך דעם אריינשטרעמען פון פרישע אידישע בלוט פון דעם מזרח. אַבער געגען אַט די געפאהר האַט מען זיך דאַך געקאַנט שיצען. א גוטער קליינער פערבאַט פון איינוואנדערונג פון אויסלענדישע אידען, וואַלטען די רייכע אידען שוין קאַנען דורכפיהרען מיט זייער איינפלוס; זיי וואַלטען אפילו ניט דארפען לאנג בעטען די רעגיערונגען בנוגע דעם. אונטער דעם שוץ פון א שטרענגע פערשפארונג פון די גרענעצען, איבער וועלכע די רייכע אידען וואַלטען געהאלטען וואך מיט אַפענע אויגען, וואַלט דאס אונגליק פון יודענטהום ביסלאכוויז, פערשוואונדען. דאַס

איז א מעטאָדע וואָס ווערט בענוצט אויף געגען מגפות. דער אנ־טיסעמיטיזם איז אפילו אויך געגען פערשמעלצונג און פערשוואונ־דען ווערען, אָבער די רייכע אידען אָדער גלויבען גאָר ניט אז ער עקזיסטירט, אָדער זיי האַלטען איהם פאר א פארבייגעהענדע ער־שיינונג. דער ציוניזם מאכט אָט דעם קלוגען פּלאַן צו גאָר נישט. לעבעדיגע פרעמדע אידען קאָן מען אויסשליסען פון די מערב לענ־דער, אָבער ניט געדאַנקען. און אזוי באַלד ווי דער ציוניזם דרינגט אריין אין א אידישע קהלה, וויל די קהלה מעהר ניט שטאַרבען, נאָר ער ווערט וויעדער יונג פון אינעווייניג, אָהן אפרעמדען צו־פלוס. עס זיינען ווידער דאָ אידען, זיי ווערען ווידער בעמערקט, אפילו אין דעם רייכען אידען פאַלט שוין אויף זיין אידעשקייט; מען גלויבט איהם ניט מעהר אז ער איז אן אריער ווי יעדער אנ־דערער אריער, — און דאס איז ניט אנגענעהם.

אָט דאָ האָט איהר דאָס פערברעכען פון דעם ציוניזם. די אידישע מיליאָנערען האָבען געדולדיג, שטילינקערהייט, אויף א כיטרען אופן, כמעט אין גאנצען דורכגעזעגט די קייט וואָס פער־בינדט זיי מיט'ן יודענטהום. זיי זיינען נאָך געהאַנגען נאָר אויף א שוואַכען אידישען פאַדים, וואָס די לעצטע, לייכטע אנשטרענ־גונג וואָלט אָבגעריסען. און איצט שרייט דער ציוניזם איבער אַלע דעכער: „עס עקזיסטירט א יודענטהום! מיר זיינען א ראסע! עס עקזיסטירט אָהן ספק אויך אן אויסוואורף פון דעם יודענטהום, אָבער אויך אָט דער אויסוואורף איז אידיש. דאָס איז אפילו שמערצליך פר אונז; מיר קאָנען עס אָבער לײדער ניט ענדערן“. מיר וואַרפען ניט ווילענדיג א ווענדע מיט א קרומען האַקען אין די פלייש פון די פייגלינגע און בינדען זיי וויעדער צום יודענטהום, פון וואָס זיי האָבען געהאָפט צו אנטלויפען שטילערהייד. זיי האָ־בען געוואָלט זיך אונטערטונקען און דער ציוניזם ליגט זיך אַרום זייער גוט־געגנעהרטען גוף אַלס א מערקווירדיגע פערבינדונג פון שווימגאַרטעל און צוואַנגס־העמדל. דער ציוניזם אונטערברעכט די פערדומפּונג פון די גערעכטע תביעות פון אברהם און זיינע איי־ניקלאך. ווי זאָל א אידישער מיליאָנער, וואָס איז געוועזן אזוי

נאָהענט אראָבצואוואַרפען אָט דאָס צונעמענים, ניט זיין אויפ־געבראַכט געגען דעם ?

איך זעה אָבער א צווייטע אורזאַכע פאר די שנאה, מיט וועלכע די אידישע מיליאָנערען זיינען רודף דעם ציוניזם: ווי חוצפה׳דיג און הויך זיי זאָלען ניט טראָגען זייער נאָז, האָבען זיי דאָך ניט געקאָנט אין גאַנצען מנצח זיין א געוויסען אטאַוויס־טישען פחד. אין א מאָמענט פון געדריקטקייט קומט עטוואָס ווי א פאַר־געפיהל איבער זיי, אז זייער שטעלונג אין דער וועלט איז אפשר דאָך ניט אין גאַנצען אזוי געזיכערט, ווי זיי וואָלטען זיך גופא וועלען איבעררעדען אז עס איז אזוי אין אמת׳ען. זיי ווייסען אפילו ניט די אידישע געשיכטע, אָבער זיי האָבען דאָך אמאָל געהערט קלינגען אז אויך אין ענגלאַנד, אונטער ריכארד לעווענ־הערץ, אין פראַנקרייך אונטער פיליפ דעם שיינען, אין שפאַניען אונטער פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, האָבען געלעבט אידישע מי־ליאָנערען, וועלכע האָבען געוואויהנט אין פאַלאַצען, האָבען גע־האַט הויפליכע און רעגיערונגס שטעלען, האָבען איינגעלאַדען דעם אדעל פון דאָס לאַנד אויף פרעכטיגע מאָהלצייטען, און אז פלוצ־לונג, אָהן א ווארנונג, איז אָנגעקומען א שרעקליכער טאָג, וועל־כער האָט פערוואַנדעלט אָט די שמייכעלדיגע מיליאָנערען אין פערקריפּעלטע פגרים און די גליקליכערע פון זיי — אין ארומ־וואַנדערנדיגע בעטלער, וואָס זייערע אייניקלאַך שטאַרבען היינט פון הונגער און ווערען פערדאַרבען אין די אידישע גאַסען פון פויד לען און רומעניען. — דאַמאָלסט קוועלט ארויס פון דעם טיעפסטען אבגרונד פון זייער שרעקעדיגער נשמה, די פראַגע: „ווי וואָלט געווען ווען אָט דער מאַרמאָר־פּאַלאַץ וואָלט ניט געווען נענוג צו בעשיצען מיין געלד, ווען אפילו א גרעפליכער לייטענאַנט פון דער קאַוואַלעריע אלס איידעם וואָלט ניט געווען א גענוגענדער פערזענליכער שוטץ ?“ און אָט די שרעקליכע פאָרשטעלונג טריפט אריין ווערמוט אין דעם בעכער פון דעם עקסטרא גוטען וויין. אין דעם דירעקטאָר׳ס קאַבינעט פון זייער שטאָלצע באַנק, הויבט זיך אויף פאַר זייערע אויגען דער גייסט פון באַנקא — איך וויל דאָ קיין וויצען מאַכען — איך האָס עס! שווארצע געדאַנקען פון אָט

דעם סאָרט בעזוכען זיי אָפטער ווי זיי ווילען עס מודה זיין פאר אנדערע. זיי מאַכען די גרעסטע אנשטרענגונגען כדי זיי צו אונטערדריקען. זיי בעלוינען מיט די נדבנות פון אָריענטאַלישע הערשער זייערע לייבאסטראָלאָגען און הויף־נאַרען, וועלכע פערטרייבען די דונקעלע נאַכט פויגלען פון זייערע שטערען און פערשלעפערן זיי מיט פרייליכע נביאות און חניפה וויצען. פערקעהרט ווידער, ווענדען זיי אָן זייער גאַנצען כעס, דעם כעס פון יעדעם טראַיאַנער פאָלק געגען יעדע קאסאַנדרא, געגען די ציוניסטען, וועלכע זאָגען ארוים הויך דאָס וואָס יענע ווילען מודה זיין צו זיך גופא, און ווייזען זיי צווישען די פרעעראָפּאָעליטישע און אימפּעריאַניסטישע בילדער אויף דער וואנד פון זייערע פרעכטיגע סאַלאָנס, דאָס פּלאַמענדיגע „מנה מנה תקל ופרסין“.

דאָס איז דער סוד פון די פיינדליכע שטעלונג פון אזוי פיעל געלד־אידען געגען דעם ציוניזם. אין דער געגענוואַרט שפּירען זיי דעם אַנטיסעמיטיזם ניט פיעל, אפשר גאָרניט; פאר דער צוקונפט פערשליסען זיי איבער געוואלד די אויגען, אָדער זיי האָפען, אז ווען נייע אונגליקען וועלען טרעפען דאס יודענטהום, וועלען זיי שוין זיי ניט געפינען מעהר אַלס אידען. די שייכות מיט כלל ישראל האָבען זיי אויפגעגעבען און זיי צאַפּלען זיך מיט גרויס רוגזה געגען דעם, וואָס מיר נעהמען זיך אונטער ווידער צו פערבינדען אלע אייניקלאַך פון אברהם. זיי מיינען, אז דאס אנטיסעמיטיזם, ווענינגסטענס אזוי ווייט ווי ער וואָלט זיי געקאָנט בעריהרען, וועט אויפהערען פון זיך אליין, ווען דער לעצטער מערב איד וועט זיך האָבען גע׳שמד׳ט, און עס וועט ווערען פערבאָטען פאר די מזרח אידען אין די מערב לענדער, וואָס וועלען זיין גערייניגט פון אידען, און זיי בעהויפּטען אז דאָס זיינען מיר וואָס סוד׳ען אריין די גוטע, אונשולדיגע אנטיסעמיטען בייזע געדאַנקען, ווען זיי זאָגען: „עס איז גענוג אז עס וואויהנען וואו עס איז אין דער וועלט אונטערדריקטע, רעכטלאָזע אידען, כדי אָנצוהאַלטען דעם אנטיסעמיטיזם ניט נאָר דאָרטען, נאָר איבעראַל; און עס איז גענוג אז דער אנטיסעמיטיזם בלייבט לעבען, כדי צו

מאַכען די בלויזע טבילה, וועניגסטענס פאַר די ערסטע דורות, אַן אונגעניגענדען מאַסרעגעל פון אידישע בעשיצונג".

און אפילו דער קלײנער טײל פון די אנטי־ציוניסטישע מי־ליאָנערען, װעמען איך קאָן ניט בעשולדיגען אַז זײ װילען אנט־לױפען װי פײגלינגע פון יודענטהום, די װאָס בעהאַלטען נאָך אַ פונק פון אידישען געפיהל אונטער דיקע שיכטען פון אַש, אױך די בעסערע פערזאָנען זײנען אױפגערעגט געגען דעם ציוניזם. פאַרװאָס אױך די? צוליעב אַ מענשליכע אורזאַכע װאָס מיר קאָ־נען פערשטעהן און דעריבער קאָנען מיר ניט זײן פערביטערט גע־גען דעם, נאָר עס קאַן אין אונז דערװעקען אַ רחמנות'דיגען שמײ־כעל. דער ציוניזם פערלאַנגט פון זײ אַן אנשטרענגונג, און פאַר־װאָס זאָלען זײ מאַכען אַן אנשטרענגונג? דאָס איז גאָר ניט נױ־טיג פאַר זײ! דער ציוניזם שטערט די רוהיגקײט פון זײערע דענקונגס־געװאױנהײטען, און דאָס געפעהלט דאָך ניט רײכע, צו־פריעדענע מענשען. מיר ענטשולדיגען אונזער אַטאַקע אױף זײער לעבענס־אידיליע מיט דעם, װאָס מיר װײזען אױף דעם עלענד פון אונזערע מזרח ברידער. אָבער צום טײפעל, פאַרװאָס לײדען ניט אָט די אונגליקליכע ברידער װײטער מיט רעזיגנאַציאָן און שװײ־גענדיג װי ביז אַהער, כדי אַז זײערע גליקליכע ברידער זאָלען װײ־טער קאָנען בלײבען גוטע אידען, און ניט געמאַטערט און געטריע־בען צו װערען פון די ציוניסטישע קװעלענדע גײסטער? אָך, די ארמע רײכע פון אָט דער קאַטעגאָריע פערשטעהען גאָר ניט װאָס פאַר בעהאַלטענע כאַראַקטער־אײגענטימליכקײטען זײ װײזען ארױס דורך זײער האַלטונג. זײ לײדען פון דער שרעקליכער אי־דישער גע'ירש'ענטער קראַנקהײט, װאָס דער גלות האָט געשאַפען און האַלט אױף אין אונזער פאָלק: די שנאָרערײ. זײ, די מיליאָ־נערען פערלאַנגען פון די הונגערלײדער פון דעם מזרח די נדבה פון זײער אײנענע רוה. זײ, די איבעררײכע, בעטלען בײ די ארעמסטע פון די ארימע: „שײנק מיר דאָס אונגעשטערטע גע־ניעסען פון מײנע הכנסות, מיט דעם װאָס דו װעסט זיך אָבזאָגען פון דײן האָפנונג!" דער ארמער איד האָט, װי בעװאוסט, אַ גוטע האַרץ. אָבער די צדקה־פושקע פון דעם אידישען מיליאָנער מוז

ער לאָזען פערבייגעהן און ניט אריינוואַרפען אין איהר די נדבה וואָס מען פערלאַנגט פון איהם — זיין גאולה.

מיר האָבען אויך די פּראָטעסט־ראַבינער געגען אונז. זאָל איך אָט די פּערזאָנען אויך אַ וואָרט שענקען? פון מיינטוועגען. איך וועל עס טהאָן פערבייגעהענדיג, צוליעב די פאָלשטענדיגקייט פון מיין דיסקוסיאָן. וואָס אָט די דינער פון די קהלות זאָגען אָדער ניט זאָגען, האָט דעמזעלבען ווערטה. זייער בעדייטונג אין יודענטהום איז אזוי גרויס ווי אַ נול. זיי זיינען שוין לאַנג ניט מעהר לעהרער און פיהרער פון דעם פאָלק. ביי די אויפגעקלעהרטע זיינען זיי צום שפּאָט. ביי די פרומע — אָן ערגערניס. אויב זיי גופא גלויבען אין וואָס עס איז, אויסער זייער געהאַלט, ווייס איך ניט; איך האָב אויך קיין רעכט ניט דאָס צו אונטערזוכען, און ענדליך געהט דאָס מיר גאָר ניט אָן. אָבער אז זיי האָבען עס ניט פערשטאַנען ווי צו פערשטאַרקען און אויפצוהאַלטען די אמונה אין זייערע קהלות, קאָן מען זעהען פון איין בליק אין זייערע ליידיגע שולען, וואו מען מוז דינגען אַ מנין פאַר דעם טעגליכען דאַווגען. זיי האָבען ניט געקאַנט אויפהאַלטען אין די אידישע מאַסען די קענטניס פון דער העברייאישער שפּראַך און דער אידישער געשיכטע, די אידישע מנהגים און זיטען, און דעריבער איז די אידישע מאַסע געוואָרען כמעט אין גאַנצען פרעמד פון אָט די אַלע זאַכען. די אידישע רייכע, וואָס גיבען זיי זייער אַמט און געהאַלט, ווייזען זיי איראָניש וואָס זיי האַלטען פון אַ יודענטהום, וואָס די פּראָטעסט־רבנים זיינען זיין פערקערפּערונג, מיט דעם וואָס זיי לאָזען זיך אָדער זייערע קינדער שמד'ען, איינעם נאָך דעם אַנדערן. איצט חנפ'ענען אָט די העלדישע פּראָטעסט־רבנים די רייכע מיט דעם וואָס זיי הויבען אויף זייערע פרומע שטימען, אין נאָמען פון דער אידישער רעליגיאָן, געגען דעם ציוניזם. מעהר בערעכטיגטע מענשען ווי איך, האָבען בעשיצט די אידישע רעליגיאָן געגען אָט די אונערוואַרטעטע פערטיידיגער. פון מיין שטאַנדפּונקט אַלס אידישער פריידענקער קאָן איך נאָר זאָגען: אָט דער שטריך, די שנאה געגען די עכטסטע און טיעפסטע בעוועגונג, וואָס די אידישע פאָלק האָט ווען געוואוסט, האָט געפעהלט ביז איצט אין דעם כאַ־

ראַקטער־בילד פון די פּראָטעסט־רבנים. איצט איז דאָס בילד פאָלשטענדיג.

אָבער אויב מיר קאָנען פערנאַכלעסיגען די אָפּאָזיציאָן פון די פּראָטעסט־רבנים, אויב די גלייכגילטיגקייט אָדער שנאה פון די אידישע מיליאָנערען קימערט אונז נאָר אויף אזוי ווייט אויף וויפיעל זי מאַכט שווער פאר אונז צוזאַמענצושלאָגען די געלד־מיטלען פאר די פערווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען געדאַנק, איז פאַראַן איין אָבזאָגען זיך פון דעם ציוניזם, איין פערלייקנונג וואָס פערוואונדעט אונזער הארץ. דאס איז די אָפּאָזיציאָן פון דעם אידישען אַרבייטער, די אידישע פּראָלעטאַריער. אויב אויך אָט די הויבען זיך אויף געגען אונז, אויב אויך אָט די ערקלערען, אַז זיי ווילען גאָר ניט וויסען פון דעם ציוניזם, דאַן איז אונזער אויפגאַבע אין אמת'ן, צו ענדע. דאַן וואָלט פאר אונז מעהר ניט איבריג בלייבען, ווי אראָבצולאָזען די קאָפּ, צו ערקלערען אז מיר זיינען בעזיעגט, און זעהען ווי מיר זאָלען קאנען געפינען נאָך די טראַגישע ענטוישונג, פאר דעם רעשט פון אונזער לעבען, א נייעם אידעאַל, וואָס זאָל מאַכען אונזער לעבען לעבענסווערט. ווייל אויב מיר זאָלען אויך פאר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט ניט אַרבייטען, דאַן זעה איך ניט איין פאר וועמען דער ציוניזם זאָל אייגענטליך נאָך אַרבייטען און פון וועלכע עלעמענטען זאָלען מיר ווידער אויפזאַמלען דאָס אידישע פאָלק אין דאס לאנד פון זיינע עלטערן. פאר א פּאָר אידישע פּרושים, וואָס זיי גייען אפילו גערן נאָך פּאַלעסטינא, אָבער ניט כדי דאָרטען צו אַרבייטען און אריינברענגען ציוויליזאציאָן אין א וויסטע לאנד, נאָר כדי זיך צו לאָזען דערנעהרען פון דיא פרומע אידען פון אויסלאנד און זיך צו בויגען זייער לעבען לאנג איבער דיא גראָבע בענדער פון דעם תלמוד? מיר האָבען טאַקע גאָר ניט געגען אָט די פּערזאָנען, ווייל מיר לאָזען יעדען גליקליך זיין אויף זיין אופן; אָבער די אידישע מיסטיקער דאַרפען דאָך ניט דעם ציוניזם, כדי צו געהן נאָך פּאַלעסטינא. זיי קאנען געפינען דעם וועג אָהן אונז און דאָרטען פיהרען א לעבען פון פרומקייט און אַרבייטלאָזע פערקלערטקייט, אזוי ווי די קריסטליכע נזירים טהוען.

עס איז א פאקט צו וועלכען מיר טאָרען ניט פערמאכען די אויגען, אז פון דעם אידישע פּראָלעטאריאט האָט מען אונז אויך צוגעוואָרפען ענטזאגונג. א טייל פון דער אידישער ארבייטער־שאפט שטויסט דעם ציוניזם אוועק און ווארפט זיך ליידענשאפט־ליך, ווי עס איז נאטירליך פאר דעם אידישען טעמפעראמענט, אין די אָרמס פון דעם סאָציאליזם, פון וועלכען ער ערקלערט אז ער וועט אין גאנצען געהאָלפען ווערען.

די אידישע פּראָלעטאריער קאנען מיר אויף קיין פאל ניט אויפגעבען. אפילו ניט איין טייל פון זיי. אויב זיי פערלייקענען אונז, וועלען מיר ניט שפּילען די בעלי גאוה געגען זיי, נאָר מיר וועלען געדולדיג נאָכגעהען און מיר וועלען זיי זוכען צו אי־בערצייגען, אז נאָר א מיספערשטענדניס טרענט אונז. מיר וויג־שען און האָפען פון טיעפסטען הארצען, אז דאָס וועט אונז געלינגען.

די אידישע פּראָלעטאריער, וואָס זיינען געוואָרען סאָציאליס־טען, בילדען זיך, ווי עס שיינט, איין, אז זיי מוזען פערוואָרפען דעם ציוניזם צוליעב דעם וואָס דער סאָציאליזם און דער ציוניזם שליסען זיך פּרינציפּיעל איינע די אנדערע אויס. דאָס איז א גרויר־סער טעות. עס איז אמת אז דער סאָציאליזם ענטהאלט אין זיך אלס וויי[ט]ען אידעאל די פערברידערונג פון אלע מענשען, אָהן אונ־טערשיעד פון אבשטאמונג; אָבער געגנוי דעמזעלבען אידעאל האָט אויך דער ציוניזם. אויף דעם מאָמענט, ביז אָט דער זעהר וויי־טער אידעאל וועט דערגרייכט ווערען, שטרעבט דער סאָציאליזם צו אָרגאניזירען דעם פּראָלעטאריאט פון אלע לענדער אלס איין איינהייטליכען קלאס, וואָס, זיך ניט קימערענדיג בנוגע פּאָליטישע גרענעצען, פיהרט דעם קאמפף געגען אנדערע קלאסען פון דער היינטיגער געזעלשאפט. אָבער דער סאָציאליסט, ביי וועמען דאס קלאסענבעוואוסטזיין איז אין גאנצען ענטוויקעלט, הערט צוליעב דעם קיינמאָל ניט אויף צו פיהלען אז ער געהערט צו א בעשטימ־טען פאָלק, און די אָפיציעלע פיהרער פון דעם סאָציאליזם האָבען תמיד פּראָטעסטירט געגען דעם וואָס מען האָט זיי גערופען גע־נאָסען אָהן א פאָטערלאנד. מען קאָן דאריבער דורכאוים ניט

איינזעהען, פאַרוואָס דוקא דער אידישער סאָציאַליסט מוז פערליי־
קענען אז ער געהערט צו אַ אידיש פאָלק, אין דערזעלבער צייט וואָס
אַלע אנדערע סאָציאַליסטען בעקענען זיך מיט שטאָלץ אז זיי זיי־
נען דייטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער אָדער אמעריקאַנער.

דער סאָציאַליזם שליסט איין אין זיך מאַטעריעלע און מאָ־
ראַלע שטרעבונגען. זיינע מאַטעריעלע שטרעבונגען זיינען גע־
ווענדעט אויף די פערבעסערונג פון דער לאַגע פון די לוינאַרבייטער.
וואו ענטדעקט איהר אין דעם ציוניזם די שוואַכסטע הינדערניס
אַנטייל צו נעמען אין אַט די שטרעבונגען? לאָזען די אידישע
פּראָלעטאַריער זיך אָרגאַניזירען, לאָזען זיי אַרבייטען מיט אַלע
קרעפטען צו בעקומען העכערען לוין, קירצערע אַרבייטסצייט, גרע־
סערע זיכערהייט, ערבות געגען אַרבייטסלאָזיגקייט, אונגליק און
אַלטערס־פערזיכערונג. לאָזען זיי קעמפפען פאַר אַלע רעכט, וואָס
זאָל געבען דעם לוינאַרבייטער די מעגליכקייט, אז ער זאָל זיך קאָ־
נען בעשטעהן אנטקעגען די אויבערמאַכט פון דעם אונטערנעהמער.
די אידישע פּראָלעטאַריער זיינען צווישען אַלע עקספּלואַטירטע די
עקספּלואַטירטעסטע, צווישען אַלע וואָס זיינען שוואַך עקאָנאָמיש,
די פיעל שוואַכסטע. וואו זיי זיינען די רייכסטע אין צאָהל, האָבען
זיי קיין רעכט ניט פון פרייע בעוועגונג און זיי קאָנען ניט פער־
קויפען זייער קראַפט פאַר'ן בעסטען מאַרק־פּרייז. קריסטליכע
אונטערנעהמער ברויכען זיי ניט גערן און נאָר ווען מען קאָן זיי
קריגען ביליגער ווי קריסטליכע אַרבייטער. אפילו אידישע אונ־
טערנעהמער ווילען בעסער קריסטליכע אַרבייטער, ווייל די אידי־
שע שבתים און ימים טובים, די אידישע אינטעליגענץ, און דער גע־
פיהל פון גלייכהייט פון דעם אידישען אַרבייטער, איז ניט בעקוועם
פאַר זיי. מיט אַלץ וואָס די אידישע אַרבייטער טהוען כדי זיך צו
פערטיידיגען, שטימען מיר אין גאַנצען איין. לאָזען זיי צוליעב
אַט דעם צוועק מאַכען אַלע פערבינדונגען וואָס זיי ווילען און וואָס
זיינען ניט געזעצליך פערבאָטען; לאָזען זיי שטיין צוזאַמען מיט
זייערע קריסטליכע חברים אין יעדען לוין־קאַמפף און לאָזען זיי
געבען אַ ביישפּיעל פון אידישע טרייהייט, פון אידישע געדולד.
זאָלען זיי אויסאיבען איבעראַל, וואו דער גורל האָט זיי פערוואָר־

פען, שטרענגע קלאַסען־סאָלידאַריטעט, ביז זיי וועלען זיך קאָנען פריי אָרגאַניזירען אויף דעם באָדען פון ארץ ישראל, ווי עס וועט זיי זיך אויסווייזען צו זיין פון די גרעסטע נוצען פאר זייערע אינ־טערעסען. און איך פרעג נאָך אַמאָל: פארוואָס זאָלען זיי דאס אלץ ניט קאָנען טהאָן אלס גוטע ציוניסטען?

און אזוי ווי די מאַטעריעלע שטרעבונגען, אזוי זיינען אויך די מאָראַלע שטרעבונגען פון דעם סאָציאַליזם פון גרויסער בעדייטונג. און גראדע אָט די מאָראַלע שטרעבונגען זיינען ניט קיין סתירה מיט דעם ציוניזם. וואָס זאָג איך? ניט קיין סתירה? זיי זיינען גראדע פערווירקליכט אין דעם ציוניזם. אלץ וואָס איז אין דעם סאָציאַליזם א צוקונפטס־אידעאַל, איז געוועזען אין יודענטהום גע־שיכטליכע רעאליטעט, און דאָס קאן אויך צוריק ווערען, ווען דאס אידישע פאָלק זאָל פון דאָס ניי דערגרייכען זיין זעלבסטבעשטי־מונגס־רעכט.

וואָס זיינען די הויפט־פונקטען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט אנשויאונג? רעספּעקט פאר דער מענשענווירדע פון יע־דען יחיד, ניט נעמענדיג אין אַנבעטראכט זיין שטאַנד און בע־שעפטיגונג. די גלייכע אבשעצונג פון יעדער ארבייט, וואָס בע־פריעדיגט די בעדערפנים פון דעם כלל. די אַנערקענונג פון דאס רעכט פון יעדען ארבייטסוויליגען מענשען אויף א מינימום חלק אין די לעבענסגיטער און אויף א גערעכטען מאָס פון גליק. דאָס ארייַנפּאסען פון יעדען יחיד וואָס ארבייט און שאפט ווערטען אין דעם העכערען ארבייטס פלאַן פון דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, כדי צו פערמיידען דעם תהו ובוהו וואָס קומט ארויס פון זיין אנ־שטריינגען זיך אלס א יחיד, אַכטענדיג אָבער צו דערזעלבער צייט זיין גייסטיגע און מאָראַלע זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס איז דער פילאָזאָפישער קערנדעל פון דעם סאָציאַליזם, מיט וועלכען עס פערבינדט זיך נאָך דער געפיהל פון ברודערליעבע פאר אלע מענ־שען, די אמונה אין די ענטוויקלונגס פעהיגקייט פון דער מענשהייט, און האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט.

אָט די אלע פונקטען זיינען דורכאויס אידישע אידעאַלען, וואָס זייער ווידעראויפלעבונג איז גראדע דער ציעל פון דעם ציוניזם.

ווער האָט העכער געשעצט די מענשענווירדע ווי דאָס פאָלק וואָס איז געווען דאָס ערסטע צו שאַפען דעם בעגריף, אַז מיר זיינען גאָט׳ס קינדער, דאָס הייסט — ווען מיר זאָלען עס איבערזעצען פון דער מיסטישער אויף דער ראַציאָנאַליסטישער שפּראַך — דעם בעגריף פון דער אַלערהעכסטע מאָראַלע פּערזענליכקייט? ווער האָט העכער געשטעלט די מאָראַלע פעראַנטוואָרטליכקייט ווי דאָס פאָלק וואָס האָט זיך ערנסט גערופען דאָס פאָלק פון כהנים, דאָס הייסט, דינער פון דעם אידעאַל, און האָט געפיהלט אַז עס שטייט פערבונדען דורך אַ קאָנטראַקט צו גאָט, דאָס הייסט, צו דער העכסטע מאָראַליטעט? ווער האָט טיעפער בעגריפען דעם געדאַנק פון גלייכקייט פאַר׳ן געזעץ ווי דאָס פאָלק, וואָס האָט הויך פּראָקלאַמירט: כל ישראל חברים! וואָס האָט פערלאַנגט אַ גלייכע בעשטייערונג פאַר כלל אנגעלעגענהייטען פון דעם רייכען ווי פון דעם אָרעמען, און האָט ניט געשעצט קיין מעלה העכער ווי די פון רייכערן ווייסען און העכערע מאָראַל? וואו געפינט איהר אַנדערסוואו אַ געזעץ וואָס זאָל זיין אַזוי נאָהענט צו דער סאָציאַלער גערעכטיגקייט ווי דער מאָראַלישער געזעץ, וואָס נעהמט ארויס רעגעלמעסיג, יעדען יובל, פון די הענד פון די איבערדרייכע די לענדער וואָס זיי האָבען זיך ערוואָרבען אויף דעם חשבון פון אָרמע, און גיט זיי צוריק צו זייערע פריהערדיגע בעלי הבתים, — אַ געזעץ וואָס הויבט אויף די בעזאָרגונג פון די אָרעמע, די אלמנות און יתומים, און אפילו פון די פרעמדע צו אַ רעליגיעזען פּרינציפּ? ווער שעצט פרייהייט אַזוי ווי דאָס אידישע געזעץ, וואָס משפּט דעם שקלאַף, אַז זיין אויער זאָל געבויערט ווערען צו דער מזוזה, ווען ער איז געווען מיזעראַבעל, זיך אָבצוזאָגען פון דער פרייהייט וואָס דאָס געזעץ שענקט איהם נאָך זעקס יאָהר דיענסט? וואו ווערט די האַנדאַרבייט, יעדע עהרליכע אַרבייט העכער געשעצט ווי אין יודענטהום, וואָס זיינע גרעסטע לעהרער און חכמים זיינען געווען, אין דער צייט וואָס דער אידישער גייסט האָט געהאַלטען אין איין בליהען, שוסטער, סטאָליאַרעס, און מוליאַרעס, און וואָס האָבען אויסדריקליך געלערנט, אַז יעדער עדלער אין גייסט זאָל זיך ערווערבען זיין לעבען דורך האַנדאַרבייט און זאָל לערנען די וויסענשאַפט צוליעב

איהר גופא, ניט כדי צו בעקומען לוין דערפאר? גלויבט איהר עס איז א צופאל, וואס די אידען מארקס און לאסאל שטעהען ביי דער וויעג פון היינטיגען סאציאליזם, און אז אפילו נאך היינט נעהמען די אידען דעם ערסטען פלאטץ צווישען די טעארעטיקער פון דעם סאציאליזם? מעגען אט די מענשען פערלייקענען זייער אידיש־קייט; אין זיי הערשט, אונבעוואוסט פון זיי גופא, א אידישער אטאוויזם. עס איז אבער זיי געקומען פון די בעהאלטענע פאלקס־טראדיציאנען, פון וועלכע עס ווערט גרעסטענטיילס צוזאמענגע־שטעלט דער ערסטער קערנדעל פון די אייגענשאפטען פון דעם יחיד, יענע בעגייסטערונג פאר סאציאלע גערעכטיגקייט, וואס האט אנגענומען ביי זיי די פארמע פון פראטעסט געגען אן אונגערעכטע עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע ארדנונג און פון דער ענטוויק־לונג פון דעם סאציאליסטישען פראגראם.

איך גלויב שוין צו האבען בעוויזען, אז די אידישע פראלע־טאריער, אזוי ווי די אידישע טעארעטיקער פון דעם סאציאליזם, געפינען א ווייטען פרייען פלאטץ אין דעם ציוניזם פאר אלע זייערע גערעכטע פארדערונגען. אבער איך וואלט זיי אויך וועלען צייגען, אז זיי קענען געפינען אט דעם פלאטץ אלס אן אייביגע זאך נאר אין דעם ציוניזם און ניט אויסערהאלב פון דעם ציוניזם.

געדיינקט וואס די געשיכטע לערנט אונז, וועלכע רעדט צו אונז ווי א מורא ווארפענדע נבואה! זינד די גלות נאכט האט זיך אראבגעלאזען איבער דאס אידישע פאלק, הערען זיינע בעסטע גייסטער ניט אויף ארויסצוקוקען פאר א שטראהל פון האפנונג. לינקעאום דער וועכטער שטעהט אונבעוועגליך אויף זיין הויכען טהורעם, און ווענדט זיין אויג ניט אוועק פון שווארצען האריזאנט. ווי ער דערזעהט נאר דעם קלענסטען שיין א בליאסק טהאן אין דער פינסטערניס, טרומייטערט ער מיט שמחה ארונטער: „דער מאר־יען קומט!“ און דאס אידישע פאלק הויבט זיך אויף יעדעס מאל מיט רעש און זינגט א לויב געזאנג צו דעם נייעם טאג; אבער עס געפינט יעדעס מאל, ווען עס קומט דער מיטען טאג, אז דאס איז א טאג פון ענטוישונג.

די אידען ווייסען אז די איינציגע קוועלען פון זייער נויט און

לײדען, זײנען פאַנאַטיזם, אונװיסענהײט, גראָבהײט, און דעס־פּאָטיזם. און דעריבער, אַזױ באַלד װי זײ פּלעגען גלױבען אַז זײ האָבען בעמערקט, אַז אײנע פון אָט די פיער פינסטערע כחות זײ־נען געװאָרען שװאַכער, האָט אין זײ ערװאַכט די האָפנונג, אַז עס װעט איצט נעהמען אַ סוף צו זײער נױט. אָבער ביז איצט האָט זיך אָט די האָפענונג אַרױסגעװיזען צו זײן, אַן אומזיסטע.

װען די רעפאָרמאַציאָן האָט מבטיח געװען צו בעפרײען די װעלט פון דעם גײסטעס־דרוק, דאַמאָלסט האָט דאָס יודענטהום בעג־ריסט אָט די בעװעגונג, װעלכע האָט פאַר איהם אױך געשטעלט נערעכטיגקײט אין אױסזיכט. לוריה האָט געלערנט לוטהער העב־רײאיש; די רבנים האָבען אַרײנגעפיהרט די רעפאָרמאַטאָרען אין אַלע סודות פון דער אידישער טראַדיציע און האָבען זײ געגעבען אין דער האַנד די כלי זין פון די פּירושים פון דעם תנ"ך. דער אידישער תנך האָט װידער אָנגעהױבען פערעהרט צו װערען אין קריסטענטהום. אָבער װען די רעפאָרמאַציאָן האָט שױן געזיעגט, האָט זי בעװיעזען מיט איהר נײע קענטניס פון דעם כתב, אַז די אידען זײנען פערשאָלטען פון גאָט, און האָט זײ ערגער בעהאַנדעלט װי דער קאַטאָליציזם.

די ענציקלאָפּעדיסטען האָבען זיך ערהױבען געגען דאָס דאָגמא. די אױפקלעהרונג הױבט אָן איהר קאַמפּף געגען די אמונה פון דער קירכע. די אידען װערען באַלד זײערע בעגײסטערטע נביאים. דער פאַנאַטיזם איז געװען דער טױדטליכער שונא, דעריבער מוז די אױפקלערונג זײן די רפואה דערצו. די אױפקלערונג האָט מנצח געװען; דער דאָגמאַטישער פאַנאַטיזם איז בעזיעגט געװאָרען, און נאָך פּעבטענדיג ציהט ער זיך צוריק. אָבער די אידען האָבען דאָ גאָר ניט געװאָונען. מען איז זײ אפילו מעהר ניט רודף צוליעב זײער אמונה, נאָר אין נאָמען פון אַ װיסענשאַפטליכען, אַנטראָפּאָ־לאָגישען פּרינציפּ, װי עס פּאַסט זיך פאַר די אױפגעקלערטע קינ־דער פון 19טען יאהרהונדערט, — מען איז זײ רודף צוליעב זײער ראַסע.

די פראַנצױזישע רעװאָלוציאָן ברעכט דעם דעספּאָטיזם, פּראָק־לאַמירט מענשענרעכטע און ברײנגט פרײהײט צו דער װעלט. דאָ

איז דאָך געווים סוף כל סוף די גאולה! די אידען חזר'ן דאס איבער, פיהלענדיג זיך גליקליך, זיי האָבען איהר געגלויבט, זיי טראָגען אריבער די בעוועגונג אין די ווייטערע צוריקגעבליבענע לענדער, זיי נעהמען איבעראל דעם לײדענשאַפטליכסטען אנטהייל אין די פאָלקס־קעמפפע פאר פרייהייט, אזוי ווייט, אז מען האָט בעצייכענט די 48ער רעוואָלוציאָן אלס א אידישע בעוועגונג. און היינט דולדען די ליבעראלען זייערע אידישע מיטקעמפפער נאר נאָך מיט פערלעגענהייט אין זייערע רייהען, אָדער זיי ווייזען זיי גאָר אָהן צערעמאָניעס צוריק, ווייל די ליבעראלען האָבען מורא אז מען בעטראַכט זיי אלס אן אָרמעע צו בעשיצען די אידען, און אז דעריבער ערוויימערט זיך דאָס פאָלק פון זיי.

נאָך אַזעלכע ערפאהרונגען האָבען מיר דאָס רעכט צו זאָגען צו די אידישע סאָציאליסטען: די רעפאָרמאציאָן האָט צוריסען איינינגע קייטען, אָבער די אידישע קייטען האָט זי געשמידט נאָך פעסטער. די אויפקלעהרונג האָט בעפרייט די גייסטער, די שנאה געגען די אידען — פארדאָן! געגען די סעמיטען — איז פיעל מעהר געשטיגען ווי זי איז מילדער געוואָרען. די פרינציפען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן האָבען ערהאָבערט די וועלט, אָבער די היינטיגע ליבעראלען גיבען די אידען אָנצוהערענים, אויף א העפליכען אָדער גראָבען אופן, אז מען ווינשט ניט זיין אנטהייל נעמען אין די ארבייט פון פאָליטישער פרייהייט. דער סאָציאליזם וועט אויך ברייננגען דיזעלבע ענטטווישונג ווי די רעפאָרמאציאָן, די אויפקלערונג, די פאָליטישע פרייהייטס־בעוועגונג. ווען מיר זאָלען דערלעבען צו זעהען אז די סאָציאליסטישע טעאָריע ווערט א פאַקט, יעמאָלט וועלען מיר זיין ערשטווינט צו געפינען אין דער נייער אָרדנונג אונזער אַלטען בעקאַנטען: דעם אנטיסעמיטיזם. עס וועט אייך ניט העלפען וואָס מארקס און לאסאל זיינען געוועזען אידען. דער גרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיאָן איז אויך געוועזען א איד; עס איז מיר אָבער ניט בעקאַנט, אז די קריסטענהייט זאָל זיך גלויבען צו זיין א בעל־חוב צום אידישען פאָלק פאר דעם פאקט. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אז די טעאָרעטיקער פון דעם סאָציאליזם וועלען תמיד בלייבען טריי צו זייערע לעהרען, וועלען

קיינמאָל ניט אויפוואַרפען אַ ראַסענפראַגע. אָבער די פּראַקטישע פיהרער וועלען זיך האָבען צו רעכענען מיט דער ווירקליכקייט, און די געפיהלען פון דעם וועלען אין אַ קורצער צייט ארויפנייטיגען אויף זיי אַן אַנטיסעמיטישע אָדער, לאָמיר זאָגען, אַן אַ סעמיטישע פּאָליטיק, אַזוי ווי זיי האָבען עס ארויפגעצוואונגען אויף די פיהרער פון די פּרייזיניגע בירגער פּארטייען. מען וועט דאַמאָלסט זאָגען אונגעפעהר אַזוי: די סאָציאַליסטישע סאָלידאַריטעט איז געזאָגט געוואָרען נאָר אויף די העכערע ראַסע, ניט אויף די נידעריגערע, און מען וועט צוריקשטעלען די אידישע ראַסע אויף אַ קורצען וועג אין די מענשהייט פון דעם צווייטען קלאַס, צוזאַמען מיט די ניגער און די קולים.

זאָלען די אידישע פּראָלעטאַריער און די טעאָרעטישע סאָציאַליסטען צווישען די געבילדעטע אידען הערען אונזער שטים און דאָס אריינגעהמען אין געדאַנקען. דער ציוניזם ארבייט פאַר זיי און קען ניט אויסקומען אָהן זיי. אונז קימערט ניט בנוגע די צופוילטע אידישע דעקאַדענטען, די נידריגע נאָכאַהמער פון אַ צייטמאָדע, וואָס איז טיילוויז טעמפּע און טיילוויז משוגע. לאָזען זיי פוילען וואו זיי זיינען! מיר מוזען אָבער יאָ האָבען די סאָציאַליסטישע ענטהוזיאַסטען. זיי האָבען אַ אידעאַל. זיי האָבען אמונה אין דער ענטוויקלונג און אין דער צוקונפט. זיי האָבען מאָראַל און דעם כח צו ארבייטען, וואָס איז גראַד נויטיג פאַר דעם ציוניזם. אַלץ וואָס זיי זיינען, קאָנען זיי זיין אין דעם ציוניזם. און אַזוי ווי עס איז געווים אַז זייער פערלייקענונג פון זייער אידישקייט, וואָס זיי האַלטען, דורך אַ טעות, אַלס אַ פאָרבעדינגונג פאַר זייער סאָציאַליזם, וועט זיי ברענגען ביטערע ענטטוישונג, אַזוי איז געווים אַז דער ציוניזם באַט זיי אָן די מעגליכקייט צו לעבען לויט נאָך זייערע אידעאַלען, צו זייער אייגענע בעפרידיגונג, צו דעם כבוד פון זייער וועלטאַנשויאונג, און צום גוטען פון זייער פּראָלעטאַריזירטעם רעכטסלאָזעם פאָלק.

# העלאטען און שפּארטאנער

# העלאַטען און ספּאַרטאַנער

פון די פריהעסטע צייט, זינט איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט דער גריכישער געשיכטע, האָבען מיר דיא לאַקעדעמאַנישע העלאַטען צוגעצויגען אויף אַ מערקווירדיגען און געהיימניספּאָלען אופן. מיר ווייסען ניט פיעל פון אָט דעם אונגליקליכען פאָלק. מיר זיינען ניט קלאָהר בנוגע זיין אָבשטאַמונג, און איבערהויפּט ווייסען מיר גאָר ניט בנוגע זיין גייסטליכען לעבען און זיינע געפיהלען. אונזערע ווייניגע קאַרגע נאַכריכטען איבער די העלאַטען שטאַמען פון זייערע בעדריקער און פעראַכטער, די שפּאַרטאַנער. זיי גופא זיינען שטום. ווען זיי האָבען נאָך עקזיסטירט, האָבען זיי זיך ניט געטאָרט לאָזען הערען אויף די העכערע פאָרמען פון דער היסטאָרישער אויסשפּראַך, אין דעם מעטאַל און דעם שטיין פון אַ מאָנומענט, אין דעם אייביג קלינגענדיגען פערז פון דעם דיכטער. ווען זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען, האָבען זיי געפונען זייער היסטאָרישען קבר צווישען די אַרמע, נאַמענלאָזע.

זיי האָבען געוויס געהאַט, ווי יעדע ליידענדע בעשעפענים, זייערע זיפצען און אויסגעשרייען, געשיכטלעך און לעגענדען, וואו זיי זיינען געוועזען די העררען און די שפּאַרטאַנער די דינער, שפּריבענווערטער און משלים, וואו זיי האָבען זיך בוקם געוועזען אַן זייערע פייניגער פאַר זייערע ליידען, מיט וויצען, ליעדער טרויעריג ביז צום טויט, וואו זייער יאוש האָט זיך אויסגעוויינט. אָבער אָט די בעוועגונגען פון דער פאָלקס־נשמה האָבען ניט געגרייכט ביז צו אונז. זיי האָבען זיך אפשר אויסגעדריקט בסוד נאָר אין קעלער און הינטער הויזלעך, בין השמשות, ווען קיין שפּאַרטאַנישער צוהערער איז ניט געקומען נאָהענט צו זיי. די העלאַטען זיינען אָנגעקלאָגטע,

וואָס מען משפּט אונטער די אויגען און וואָס קענען זיך ניט פֿערטיידיגען .

אַט דאָס איז עס אפשר געווען וואָס האָט מיך געשטעלט אויף די זייט פֿון די העלאַטען. איך וואָלט געוואָלט זיין דער אדוואָקאַט פֿון אָט דיא אונפֿערטיידיגטע אָנגעקלאָגטע. בנוגע די עהנליכקייט פֿון זייער גורל מיט דעם גורל פֿון מיין אייגען פֿאָלק האָב איך נאָך ניט געטראַכט, וויניגסטענס ניט אין העלען בעוואוסטזיין. די צייט ווען איך בין געווען אַ קינד, ווען איך בין געגאַנגען אין דער גימנאַזיע, פֿאַלט אוים אין די זעכציגער יאָהרען. עס האָט דאַמאָלסט ניט עקזיסטירט קיין אָפֿענער אַנטיסעמיטיזם; פֿערקעהרט, הכנות זיינען דאַמאָלסט געמאַכט געוואָרען איבעראַל פֿאַר דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן, און עס וואָלט מיר קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלען זיך צו האַלטען פֿאַר אַ העלאַט און מיין גורל פֿאַר אַ העלאַטען גורל.

אַנדערע אינגלעך חלום'ען אויף דער שול־באַנק פֿון אַ רוימער דראַמאַ. איך האָב גע'חלום'ט ביי דעם אויפֿוואַכען פֿון מיין שריפֿטשטעלערישען דראַנג פֿון אַ העלאַטענטראַגעדיע. איך האָב זיך אריינגעלעבט אין די העלאַטען־פֿערהעלטניסע ביז איך האָב פֿערגעסען אַן די וועלט. איך האָב געהאַט אַ שנאה צו די מאַטהאַקען, די בעלי גאוה'דיגע קינדער פֿון העלאַטישע מוטערס און שפּאַרטאַנישע טאַטעס, וואָס האָבען ניט געוואָלט וויסען פֿון זייער מוטער'ס פֿאַמיליע. איך האָב פֿעראַכטעט די נעאָדאַמאָדען, די העלאַטען וואָס זיינען געוואָרען שפּאַרטאַנער דורך אסימילאַציאָן, וואָס האָבען געדענקט אַז זיי זיינען בעסער ווי זייערע פֿריהערדיגע ברידער, פֿון וועמען זיי האָבען זיך אָבגעווענדט. איך האָב גע־וויינט מיט טרעהרען פֿון אונמעכטיגען כעס, ווען איך האָב געלעזען פֿון דער קריפּטעיאַ, די יעהרליכע אויפֿרייצונג געגען די העלאַטען מיט פֿערוויסטונג, שלעגערייען און רציחות, — אַן אויפֿרייצונג וואָס איז אויפֿגעהעצט געוואָרען פֿון דער רעגירונג, כדי די שפּאַרטאַנער און די העלאַטען זאָלען תמיד געדיינקען זייער פֿערהעלטנים איינע צו די אַנדערע. איך האָב מיך געשעמט ביז צום טויט, זעהענדיג די שרעקליכע שכרות, וואָס מען האָט ארויפֿגענעטיגט

אויף דעם העלאט, כדי צו געבען די שפארטאנער א ביישפיעל, ווי פערעכטליך אזא סארט זויפעריי איז. אבער צו דער זעלבער צייט וואס איך האב זיך פערטיעפט אין אט די שטימונגען פון דער נשמה, בין איך איינמאל געקומען צו א פארשטעלונג, וואס איז געווען אזוי טרויעריג, אז זי האט מיך גופא דערשראקען.

ווער ווייס — אפשר זיינען געווען אזעלכע העלאטען, וואס האבען שלום געמאכט מיט זייער גורל און האבען געפונען א צופרידענהייט אין איהם; העלאטען, וואס האבען ליעב געהאט וויין און האבען בעטראכט אלס א ברכה פון גאט. ווען זיי האבען געקענט בעקומען אן אומזיסטען לחיים. ווען די גרויסע פעדאגאגישע פארשטעלונג איז צוגעגרייט געווארען, וואו די העלאטען האבען געזאלט ענטעהרט ווערען אלס שמוציגע חיות, כדי צו בריינגען צום בעוואוסטזיין, דורך זייער ערנידריגונג, די בכבודיגע ערהאבענהייט פון די יונגע לאקעדעמאניער, אפשר האבען זיך נאך די העלאטען דאמאלסט געשטופט, אז זיי זאלען ערוועהלט ווערען אלס א לעהרמיטעל! אפשר האבען זיי געטרונקען דעם וויין וואס מען האט זיי דערלאנגט מיט פערגעניגען און נאך אבגעלעקט די ליפען, און נאכדעם האבען זיי נאך אפשר מיט א זיסען שמייכעל אויסגעשטרעקט דעם בעכער, מען זאל איהם אנפילען נאך אמאל! און אפשר איז זייער לעצטער געדאנק געווען, איידער די שכרות האט ביי זיי געריבט דאס בעוואוסטזיין אין גאנצען: „איהר דומע שפארטאנער! בין איך ניט כיטרער ווי איהר? איהר מעגט מיך פעראכטען וויפיעל איהר ווילט, דערווייל טרינק איך מיין אומזיסטען וויין און עס שמעקט מיר גאנץ גוט!“ אין אט דער פעהיגקייט, צו פיהלען די גרעסטע אייגענע ערנידריגונג ווי א פערזענליכע טובה און צו שעצען א קליינעם גענוס אין אזא גרויסע חרפה, האב איך געזעהען דעם שרעקליכסטען קלימאקס פון דער העלאטען טראגעדיע.

איך האב קיינמאל ניט געשריבען די העלאטען טראגעדיע. איך בין אויפגעוואקסען; אנדערע פלענער האבען פערשטופט אט דעם פריהען פלאן, ביז ער איז געווארען בלויז א בלאסער אינגעלשער

חלום. איך האב אנטייל גענומען אין די גייסטיגע קעמפפע פון דער צייט, ניט דיינקענדיג פיעל וועגען מיין אבשטאמונג, שטאלץ אויף מיין מענשענווירדע, שטאלץ אויף די דייטשע נאציאנאלע ציוויליזאציאן, מיט וועלכע איך בין געווען דורכגעדרונגען און ערפילט. פלוצלונג האט דערגרייכט דער מלחמה ליארם פון דעם אנטיסעמיטיזם אויך אין מיין ארבייטסשטוב; גראבע זלזולים געגען די אידען האבען מיר געקלונגען אין די אויערען. איך בין אויפגעשפרונגען און איך בין ארויסגעלאפען אין דרויסען, האפענדיג מיט זיכערהייט צו געפינען מיין געקריינקטעס פאלק אין וואפען אויף אלע זיינע זאמעל־פעלדער, גרייט און ענטשלאסען צו שטארקע מעשים, ווי עס פאסט פאר שרעקליך בעליידיגטע מענשען. א גאנץ אנדערע סצענע האט זיך אבער געעפענט פאר מיר. איינינגע פעראיינצעלטע קעמפפער האבען זיך קרעפטיג געוועהרט. אבער דער המון האט זיך פערבייגע׳גנב׳עט פארביי די וועגד שטילינקערהייד, מיט אן איינגעבויגענעם רוקען און מיט א רחמנות פנים. מיט איין מאל האט זיך די גאנצע העלאטענטראגעדיע פון מיין יוגענד געשטעלט מיט איהר גאנצער שארפקייט פאר מיר. איך האב געזעהען די קריפטעיא, די העצען געגען אידען אין אלע אייראפעאישע געגענדען. איך האב געזעהען די מאטהאקען, די האלב אידען, וואס ווילען דוקא הייסען גאנצע אריער. אין האב געזעהען די נעאדאמארען, די אסימילאציאנס שוטים, וואס געהען אין זייער אסימילאציאן ביז צום גיפטיגסטען, געמיינסטען אנטיסעמיטיזם. און איך האב אפילו געזעהען — אה, די אונערטרעגליכע חרפה! — די אידישע העלאטען, וואס דרעהען מיט די אויגעלעך און שמייכלען, ווען מען נויטיגט זיי צו געהן צו די ענטעהרענדע שכרות פארשטעלונג. איך האב באמת בייגעוואוינט די פארשטעלונג פון אידען, וואס קלאפען זיך אויף די קעשענעס און זאגען: „די אריער האלטען זיך פאר עטוואס בעסערעס און לייקענען אונזער מענשענווירדע. וואס קימערט דאס אונז? מיר זיינען דאך די קליגערע, ווייל מיר פערדיענען דאך געלד צווישען זיי“. חרפות מיט פערדיענסטלעך, א ערנידריגונג אין וועלכער מען קאן נאך אבער

אלץ ווערען א מיליאָנער, שיינט פאר זיי צו זיין א בעפרידיגענדער פערהעלטניס, און אפשר גאָר א בעהאַלטענער וויץ פון גורל!

איך וואָלט עס ניט געקאָנט פערטראָגען צו זיין א קרוב פון אָט די העלאַטען וואָס בויען אויף פערמעגענס. אָבער צום גליק האָט זיך דאָ אויפגעהויבען פאר מיינע אויגען דער ציוניזם, וואָס פערדעקט פון מיר זייער פנים. דער ציוניסטישער רעיון איז מיר אנטגעגען געקומען אין שטאָלצע פערקערפערונגען, דער שטאָלצ־סטער פון וועלכע איז מיין פריינד הערצל. אויף די באזעלער קאָנגרעסען האָב איך קענען געלערנט אַן אנדער יודענטהום, וואָס האָט ווידער שלום געמאכט צווישען מיר און מיין פאָלק. זינט איך האָב אָט דאָס יודענטהום פאר מיינע אויגען, טראַכט איך קיינמאָל ניט ווידער וועגען מיין העלאַטענטראַגעדיע.

די ציוניסטישע אידען זיינען קיין העלאַטען. זיי זיינען שפּאָר־טאַנער „מיט דעם שילד אָדער אויף איהם“. דאָס איז היינט ציוניסטיש־אידיש, אזוי ווי עס איז אמאָל געוועזן שפּארטאַניש. ביי די ציוניסטען איז שטאַרק דאָס שטאָלצע בעוואוסטזיין: עס איז א הויכע עהרע צו זיין א איד, וויל דאָס וואָרט שליסט איין אין זיך גרויסע פליכטען. אָבער די מאָס פון דעם מאָראַלישען ווערטה פון א פערזאָן גיט די פליכט, וואָס ער איז געגרייט צו נעהמען אויף זיך.

געטהע וויים פון קיין בכבוד׳יגערע מצבה אויפשריפט פאר דעם מענשען ווי:

„דען ער איזט איין מענש געוועזען,
אונד דאס הייסט איין קעמפפער זיין“.

ווי וואָלט ער איצט געמוזט לויבען דעם מאָדערנסטען, דעם ציוניסטישען אידען? וויל ציוניסט זיין הייסט צוויי מאָל און דריי מאָל א קעמפפער זיין....

## אידישע סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק.

שוין ערשיענען מאקס נאָרדויס געקליבענע ציוניסטישע שריפטען

— פּרייז 15 סענט —

### עס ווערען פערפערטיגט.

1. רוים און ירושלים פון מאָזעס העסס.
2. א זאמלונג פון נאַצ. סאָצ. שריפטען וועלכע זענען געוועזן גע־דרוקט אין נאַצ. סאָצ. צייטונגען, ווי דער אידישער קעמפּפער, דאָס פאָלק און אנדערע.

פאַר אויסקינפטע זיך צו ווענדען:

**VERLAG KAEMPFER**

234 EAST BROADWAY, NEW YORK

---

צייטונג און בוך־דרוקעריי
פון גרייזעל, פּרעגער און קאָמפּאַניע.
67—65 סאָפפאָלק סטריט,
ניו־יאָרק